ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# קב הישר

## ויגש

אידיש

**811**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק כא-כב

## ויגש

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

מ'איז מדקדק מיטן מענטש צו ער האָט געלערנט תורה לויט זיין מעגלעכקייט. - די שמחה פאַרן טאַטן ווען זיין זוהן ווערט 13 יאָר. - די סעודת בר מצוה וואָס רבי שמעון בר יוחאי האָט געמאַכט פאַר זיין זוהן רבי אלעזר. - דער חיוב אויפצושטיין ביים עלות השחר צו זאָגן שירות ותשבחות.

דער גרויסער חטא פון פגם הברית. יעדע מצוה ווערט פאַרצייכנט אויפן שטערן פונעם מענטש. - א מעשה פון רבי חיים וויטאל ז"ל מיטן אַר"י ז"ל. - פאַרוואָס די צדיקים ליידן יסורים און די רשעים לעבן במנוחה אויף דער וועלט.

רבי **חיים פלאג'י** זי"ע, שרייבט וועגן דעם ספר "קב הישר": יעדער זאל לערנען אינעם ספר "קב הישר", ווי אויך אנזאגן זיינע קינדער זיי זאלן אזוי טאן. ער אליין פלעגט יעדן מוצאי שבת לערנען אינעם "קב הישר".

# אינהאַלט
## פון פרקים כא-כב


א. דער דקדוק וואָס מען איז מדקדק מיטן מענטשן ביים בית דין של מעלה איז זייער גרויס ....... ח

ב. מיין זוהן, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט הלכות? ....... ט

ג. מיין זוהן, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט תורת כהנים? ....... ט

ד. פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט אַלע פינף ספרים פון דער תורה? ....... ט

ה. ווען דער חכם דרש'נט אדער ווען די אידן זאגן "יהא שמיה רבה" בין איך מוחל זייערע עבירות ....... י

ו. "כָּל הַנְּחָלִים הוֹלְכִין אֶל הַיָּם וְהַיָּם אֵינֶנּוּ מָלֵא" ....... י

ז. פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט גמרא און די מעשה מרכבה ....... י

ח. ווי איז צו אונז פון דעם טאָג פון שטראָף ....... יא

ט. עס איז באַליבט פאַרן אויבערשטן ווען ער זעט אַ איד פרייט זיך ווען ער ברענגט אַריין זיין זוהן אין חיוב המצוות צו 13 יאָר ....... יב

י. "צְאֶינָה וּרְאֶינָה בְּנוֹת צִיּוֹן" ....... יב

יא. אַז ער וויל זיין גוט, גיט מען אים אַ הייליגע נשמה ....... יב

יב. די גרויסע סעודה וואָס רבי שמעון בר יוחאי האָט געפראַוועט פאַר זיין זוהן רבי אלעזר ווען ער איז געוואָרן בר מצוה ....... יג

יג. אין היינטיגן טאָג נידערן אַראָפּ הייליגע נשמות צו מיין זוהן רבי אלעזר ....... יג

יד. אין היינטיגן טאָג וועט דער אויבערשטער ברוך הוא דיך הייליגן אין דעם גורל פון די הייליגע צדיקים ....... יג

טו. היינט קרוינט מען רבי אלעזר מיט אַ הייליגע קרוין ....... יג

טז. די שמחה זאָל זיין אַ גאַנצע ........................ יד

יז. ווער עס קובע אַ שיעור און איז עוסק אין גמילות חסדים און מעשים טובים, ווערט זיין נשמה באַהאַפטן צו די נשמות פון די צדיקים ........................ יד

יח. מיט וואָס זאָל ער זיך באַהעפטן אין דעם אויבערשטן? ........................ יד

יט. ווען אַ מענטש וואָלט אַריין געטראַכט וויפיל ער מאַכט קאַליע, וואָס ער איז נישט חס אויפן כבוד פון באַשעפער, וואָלט ער אַוודאַי נישט געטאָן קיין שלעכטס ........................ טו

כ. נאָך האַלבע נאַכט איז אַן עת רצון אין הימל, ווייל דער אויבערשטער גייט דאַן אַריין מיט די צדיקים אין גן עדן ........................ טו

כא. ביים עלות השחר דאַרף מען אויפשטיין פון שלאָף און זאָגן שירות ותשבחות פאַרן אויבערשטן ........................ טז

כב. דער קול התורה, איז פאַרן אויבערשטן מער ניחא, ווי אַז עס געזאַנגען וואָס די מלאַכי השרת זאָגן פאַר איהם ........................ טז

כג. קיין שום אויג האָט נישט געזעהן דעם גן עדן ........................ יז

כד. דער עדן פון אינעווייניג און דער גן פון דרויסן ........................ יז

כה. אין דעם פרק ווערט ערקלערט: דער גרויסער חטא פון פגם הברית. - יעדע מצוה ווערט פאַרצייכנט אויפן שטערן פונעם מענטש. - א מעשה פון רבי חיים וויטאל ז״ל מיטן אַריי ז״ל. - די סיבה פאַרוואָס די צדיקים ליידן יסורים און די רשעים לעבן במנוחה אויף דער וועלט ........................ יט

כו. ווי איז צום מענטש וואָס איז גורם אַז די קדושה זאָל משועבד ווערן צו דער טומאה רח״ל ........................ יט

כז. די גלידער און אָדערן פון מענטש באַטרעפן אַזויפיל ווי די תרי״ג מצוות ........................ כ

כח. אויפן מענטשנס שטערן אין פנים דערקענט מען זיינע עבירות ........................ כ

כט. אַ מעשה פון אַריז״ל מיט רבי חיים וויטאַל ז״ל ........................ כ

ל. אַן איבערגעדרייטע גימ״ל צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געטוהן געטוהן גענוג חסד מיט זיין פאָטער ........................ כא

לא. ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה ווערט זי פאַרצייכנט אין אַן אות פון אלף-בית אויף זיין פנים ..... כא
לב. אום שבת, ווען די נשמה יתירה קומט צו אידן, ווערט איינגאַנצן פאַרדעקט דער צייכן פון זינד ..... כא
לג. דער שטערן ווייזט עתידות ..... כב
לד. וואָס רבי אבא און רבי יוסי האָבן געזעהן אויפן שטערן פון אַ איד אַן עבירה פון כרת בשוגג ..... כב
לה. איר זאָלט מיך נישט שטראָפן, ווייל מיינע עבירות האָבן גורם געווען דעם צייכן ..... כב
לו. וואָס פאַר אַ רפואה האָט ער דיר געגעבן? ..... כג
לז. דורך טרערן וואַשט מען אָפּ דעם רושם פון דער עבירה אויפן שטערן ..... כג
לח. פון היינט אָן זאָל איך לערנען תורה טאָג און נאַכט ..... כג
לט. דער נאָמען איז גורם פאַרן מענטש תשובה צו טוהן ..... כד
מ. ווי נאַריש זענען מענטשן, וואָס פרעגן נישט, ווייסן נישט און באַטראַכטן נישט צו וויסן השי״ת וועגן, אויף וואָס די וועלט שטייט? ..... כד
מא. דער ליידיגער מענטש ווייסט נישט צו לערנען תורה, און דער נאַר ווייסט נישט דעם סדר פון דער שכינה ..... כד
מב. די צדיקים ווערן געשטראָפט אויף דער וועלט כדי זיי זאָלן באַקומען שכר אויף יענער וועלט, און די רשעים האָבן מנוחה אויף דער וועלט כדי געשטראָפט צו ווערן אויף יענער וועלט ..... כה
מג. פלוצלונג וועט דיין שעה איבערגעקערט ווערן, און קיינער וועט זיך אויף דיר נישט דערבאַרעמען ..... כה
מד. דער אויבערשטער ברוך הוא טוט פאַר זיי זייער ווילן אויף דער וועלט כדי זיי צו פאַרלענדן אויף יענער וועלט ..... כו
מה. ביי די צדיקים ווערט פאַרצייכנט און אויסגעקריצט אויפן שטערן אַלע זייערע גוטע מעשים פאַר זייער טובה וועגן ..... כו
מו. דער געליבטער זוהן וואָס איז משמח דעם אויבערשטן ברוך הוא ..... כז

מז. דורך מיין תשובה צוזאַמען מיט דער ברכה פון צדיק איז דער צייכן אַוועק ........ כז
מח. וואויל איז דיין חלק אויף דער וועלט, און וואויל איז דיין חלק אויף יענער וועלט ........ כז
מט. איך בין עס געווען דער וואָס האָט דיך דעמאָלס באַגעגעט אין וועג און געבענטשט ........ כח
נ. פרידן זאָל זיין צו דיר אויף דער וועלט, און פרידן זאָל זיין צו דיר אויף יענער וועלט ........ כח
נא. הצדיק רבי יעקב קאפיל חסיד אמר כל יום תהלים כשהיה מלובש עם תכריכים ושוכב בקבר וזכה לבן קדוש שצדיקי הדור אמרו עליו שהוא משיח בן דוד ........ לו
נב. ע״י אמירת תהלים בשופי נולד הגה״ק העי״ז מאסטראווצע זצ״ל ........ לו

❖ ❖ ❖

# פרק כא

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: ווי שטאַרק מ׳איז מדקדק מיטן מענטש צו ער האָט געלערנט תורה לויט זיין מעגלעכקייט. - די שמחה פאַרן טאַטן ווען ער איז זוכה אַריינצוברענגען זיין זוהן אין עול המצוות צו 13 יאָר. - די סעודת בר מצוה וואָס דער תנא רבי שמעון בר יוחאי האָט געמאַכט פאַר זיין זוהן רבי אלעזר. - דער חיוב פון אויפשטיין ביים עלות השחר כדי צו זאָגן שירות ותשבחות פאַ׳ן אויבערשטן**

**א. כתוב בספר,** עס שטייט אין ספר תהלים (קיט, קכב) ״עֲרֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל יַעַשְׁקוּנִי זֵדִים״, טוה האַפטן פאַר דיין קנעכט און זיי מיך דן צום גוטן, כדי די שלעכטע זאָלן מיך נישט באַרויבן.

**דעם** פסוק קען מען טייטשן מיט א משל: ער איז געגליכן צו אַ מענטש וואָס איז שולדיג אַ סאַך געלט, אָבער ער האָט געלט און סחורה צו באַצאָלן די חובות. אָבער די בעלי חובות ווייסן נישט וועגן דעם, דעריבער ווילן זיי אָנפאַלן אויף אים און צונעמען ביי אים וואָס זיי וועלן קענען באַקומען, ווייל יעדער איינער האָט מורא טאָמער וועט ער באַצאָלן דעם אַנדערן בעל חוב און נישט אים. דעריבער האָט דער מענטש נישט קיין אַנדערע עצה, נאָר צו באַקומען אַ מענטש וואָס זאָל פאַר אים האַפטן פאַר די בעלי חובות, כדי זיי זאָלן שווייגן און אים נישט מאָנען, ביז ער וועט אין משך פון דער צייט פאַרקויפן זיינע סחורות און קענען צוביסלעך באַצאָלן יעדן איינעם זיין חוב, און דורכדעם וועט ער געראַטעוועט ווערן פון שאָדנס, און מ׳זאָל אים נישט פאַראורזאַכן אַ שלעכטן נאָמען אַז ער איז אַן אָפּזעצער (א באַנקראָטירטער).

**ב. ובזה נראה,** און דאָס געפעלט מיר צו זאָגן, די כוונה פון דוד המלך עליו השלום ווען ער האָט געבעטן ״עֲרֹב

עַבְדְּךָ לְטוֹב״, דוד המלך עליו השלום האָט געבעטן פון אויבע־שטן אַז ער זאָל פאַר אים האַפטן קעגן די מקטריגים און בעלי דינינו, אַז זיי זאָלן אים נישט פאַרצוקן צוליב אַן עבירה וואָס ער האָט געטוהן, ווייל ער האָט דאָך פיל זכיות קעגן די עבירות, און דערווייל וועט ער תשובה טוהן אויף די עבירה.

## דער דקדוק וואָס מען איז מדקדק מיטן מענטשן ביים בית דין של מעלה איז זייער גרויס

**וועגן** דעם האָט דוד געזאָגט ״אַל יַעַשְׁקוּנִי זֵדִים״, און די שלעכטע מענטשן זאָלן מיר נישט באַרויבן, כדי מיר זאָלן ווייזן אַז די משחיתים זענען אָנגעגרייט און האָפן ווען וועט קומען דער טאָג וואָס דער זינדיגער מענטש זאָל אַריינפאַלן אין זייערע הענט כדי זיי זאָלן קענען פון אים איינמאָנען דעם חוב, דאָס מיינט מען די עביוות וואָס ער האָט געטוהן, און צו טוהן מיט אים שווערע שטראָפן ווען ער וועט אַרויסגיין שולדיג ביים בית דין של מעלה. דער מענטש דאַרף האָבן אַ סאַך זכותים אַז ער זאָל אַרויסקומען גערעכט, ווייל דער חשבון און דער דקדוק וואָס מען איז מדקדק מיטן מענטשן ביים בית דין של מעלה איז זייער גרויס.

## די גרויסע בושה אויב מ׳האָט נישט געלערנט גענוג תורה

**ג. ראה מה,** זעה וואָס עס שטייט אין מדרש משלי (פרשה י, ג) רבי ישמעאל זאָגט, ווי איז צו די בושה, ווי איז צו די שאַנד. עס קומט פאַרן בית דין של מעלה אַ איד וואָס האָט געלערנט מקרא (תורה, נביאים און כתובים) און נישט משניות, קערט דער אויבערשטער אַוועק זיין פנים פון אים, און דער ווייטאָג פון דעם גיהנום שטאַרקט זיך אויף אים אַזוי ווי די אָרונט ווילף, און זיי נעמען אים און וואַרפן אים אַריין אין גיהנום.

## מיין זוהן, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט הלכות?

**קומט** אַ מענטש וואָס האָט געלערנט מקרא און משניות, זאָגט דער אויבערשטער ברוך הוא צו אים: מיין זוהן, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט הלכות? אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָגט, לאָזט אים און נעמט אים נישט אין גיהנום, איז גוט. אויב נישט, טוט מען אים אַזוי ווי מען טוט מיט דעם ערשטן.

## מיין זוהן, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט תורת כהנים!

**ד. בא לפניו,** אויב עס קומט פאַר אים אַ מענטש וואָס האָט אויך געלערנט הלכות, זאָגט מען צו אים, מיין זוהן, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט תורת כהנים? וואָס דאָרט זענען פאַראַן די דינים פון טומאת שרצים און זייער טהרה, און די טומאה און טהרה פון נגעים, די טומאה און טהרה פון הייזער און פון זבים און פון יולדות, די דינים פון מדות, און דער סדר ווידוי פון יום כיפור, די דינים פון ערכין און די מערסטע אידישע דינים וואָס זענען די גופי התורה און שטייען אין פרשת קדושים, די דינים פון קרבנות, די דינים פון שמיטות און יובלות.

**אויב** דער אויבערשטער ברוך הוא זאָגט, לאָזט אים אָפּ, איז גוט, און אויב נישט, טוט מען צו אים אַזוי ווי צו דעם ערשטן.

## פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט אַלע פינף ספרים פון דער תורה?

**ה. בא,** קומט פאַר אים דער וואָס האָט אויך געלערנט תורת כהנים, זאָגט מען צו אים, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט אַלע פינף ספרים פון דער תורה? וואָס דאָרט שטייט קריאת שמע און פילע מצוות ווי תפילין און מזוזה, ציצית און אַנדערע מצוות.

## ווען דער חכם דרש'נט אדער ווען די אידן זאגן "יהא שמיה רבה" בין איך מוחל זייערע עבירות

**אויב** עס קומט עמיצער וואָס האָט דאָס אַלעס געלערנט, פרעגט מען אים, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט קיין אגדתא און דו האָסט עס נישט איבערגע'חזר'ט, ווייל אין דער צייט ווען דער חכם זיצט און דרש'נט בין איך מוחל די עבירות פון אידן. און נישט נאָר ז'אָס, נאָר ווען זיי ענטפערן "אמן יהא שמיה רבה", איז אפילו אויב זייער גזר דין איז געווען גע'חתמ'עט צום שלעכטן ח"ו, בין איך זיי דאָס מוחל, און פאַרגיב זייערע זינד.

## "כָּל הַנְּחָלִים הוֹלְכִין אֶל הַיָּם וְהַיָּם אֵינֶנּוּ מָלֵא"

**ו. בא מי,** קומט דער מענטש וואָס האָט געלערנט אגדתא, זאָגט דער אויבערשטער צו אים, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט גמרא וואָס ווערט אָנגערופן "תלמוד", און אויף דעם שטייט אין פסוק (קהלת א, ז) "כָּל הַנְּחָלִים הוֹלְכִין אֶל הַיָּם וְהַיָּם אֵינֶנּוּ מָלֵא", אַלע טייכן גייען צום ים, און דער ים איז נישט פול, דאָס מיינט מען די'נם גמרא לימוד פון וואָס אין אים איז פאַראַן זייער אַסאַך פלפול, וואָס האָט נישט קיין עק.

## פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט גמרא און די מעשה מרכבה

**קומט** אַ מענטש וואָס האָט געלערנט גמרא, זאָגט ער צו אים, מיין זוהן, אויב דו האָסט געלערנט גמרא, פאַרוואָס האָסטו נישט געלערנט גמרא און די מעשה מרכבה, ווייל איך האָב אַ פאַרגעניגן פון מיין וועלט אין דער צייט ווען די תלמידי חכמים זיצן און לערנען תורה און קוקן אַריין אין דער גמרא און לערנען קבלה און פאַרשטייען מעשה מרכבה וואו דער כסא הכבוד, וואו עס שטייט איין פוס און אויף וואָס ער זיצט, און אַזוי דער צווייטער פוס, און אַזוי דער דריטער פוס, וכו'.

## וויי איז צו אונז פון דעם טאָג פון שטראָף

**זאָגט** דער מחבר נו: צי איז דען פאַראַן אַ מענטש וואָס זאָל קענען ביישטיין די אַלע אויספאָרשונגען? און אויף דעם האָבן אונזערע חכמים געזאָגט (בראשית רבה כג, יא) אוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום תוכחה, וויי איז צו אונז פון דעם טאָג פון דין, און וויי איז צו אונז פון דעם טאָג פון שטראָף.

## אַ מענטש טאָר זיך נישט מייאש זיין צו טראַכטן איך וועל דאָך ממילא אַריינפאַלן אין גיהנום

**אמנם,** נאָר פונדעסטוועגן זאָל דער מענטש נישט ווערן נאָכגעלאָזט און טרויעריג, ווייל ער וועט וועלן טראַכטן, ווי אַזוי איז דען מעגליך צו לערנען אַלעס וואָס איז געשטאַנען פריער? וועל איך דאָך ממילא מוזן קומען אין גיהנום ח״ו, וועל איך בעסער נישט לערנען, נאָר נאָכגיין די תאוות עולם הזה.

**זאָל** דער מענטש אַזוי נישט טראַכטן, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא פרואווט דאָס האַרץ און פאָרשט די נירן, וועט ער זעט אַז די כוונה פונעם מענטש איז צו באַהעפטן זיך אין גוטע מעשים, און זיין לייב גלוסט צו לערנען תורה און צו טוהן מעשים טובים, נאָר צוליב זיין ענגשאַפט קען ער דאָס אַלעס נישט אַדורכלערנען.

**דערויף** האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט (ברכות דף ה ע״ב) סיי איינער וואָס לערנט אַ סאַך, און סיי איינער וואָס לערנט ווייניג, ווייל ער האָט נישט קיין צייט צו לערנען מער, אָבער אויב ער טוט עס פאַרן אויבערשטנ׳ס וועגן, באַקומט ער שכר גלייך ווי יענער וואָס לערנט אַ סאַך, און אַז עס קומט אים צו דער האַנט אַ מצוה צו טוהן, זאָל ער זיין פריילעך, ווייל דער מענטש וואָס טוט אַ מצוה מיט פריילעכקייט איז זייער באַליבט פאַרן אויבערשטן ברוך הוא.

## עס איז באַליבט פאַרן אויבערשטן ווען ער זעט אַ איי' פרייט זיך ווען ער ברענגט אַריין זיין זוהן אין חיוב המצוות צו 13 יאָר

**ח. שעל כן,** ווייל דעריבער זאָגט דער זוהר חדש (דף כ׳ עמוד ב׳) אַז ווען אַ מענטש איז זוכה אַריינצוברענגען זיין זוהן אין חיוב המצוות, דהיינו ווען ער ווערט אַלט דרייצן יאָר, איז דאָס זייער באַליבט פאַרן אויבערשטן ברוך הוא ווען ער זעט ווי דער פאָטער פרייט זיך אַז ער האָט זוכה געוועזן אַז זיין זוהן האָט דערגרייכט דעם חיוב מקיים צו זיין די מצוות. דעריבער איז אַ חיוב צו מאַכן אַ סעודה אין דעם טאָג ווען זיין זוהן ווערט בר מצוה, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא האָט דערפון אַ פאַרגעניגן, אַזוי ווי עס שטייט אין דעם אויבן דערמאנטן זוהר חדש (שם) ווי פאָלגענד:

## ״צְאֶינָה וּרְאֶינָה בְּנוֹת צִיּוֹן״

**רבי** יצחק (רבי יוסי) האָט געזאָגט, ווען אַ קינד ווערט אַלט דרייצן יאָר, איז אַ חיוב אַז זיין פאָטער און מוטער זאָלן זיך פרייען, גלייך ווי אינעם טאָג ווען דאָס קינד גייט צו די חופה, און וועגן דעם דאָזיגן זכות וועט דער אויבערשטער זיי געדענקען און פאַר זיי אויסרופן אַ בת קול מיט פרייליכקייט: ״צְאֶינָה וּרְאֶינָה בְּנוֹת צִיּוֹן״ וגו׳ (שיר השירים ג, יא).

## אַז ער וויל זיין גוט, גיט מען אים אַ הייליגע נשמה

**האָט** רבי אליעזר געזאָגט (שם דף י״ד עמוד א׳) ווען דאָס קינד ווערט בר מצוה, אַז ער וויל זיין גוט, גיט מען אים אַ הייליגע נשמה וואָס איז גענומען געוואָרן פון אונטער דעם כסא הכבוד.

## די גרויסע סעודה וואָס רבי שמעון בר יוחאי האָט געפּראַוועט פאַר זיין זוהן רבי אלעזר ווען ער איז געוואָרן בר מצוה

**ט. רשב"י זמין,** רבי שמעון בר יוחאי האָט איינגעלאַדנט די תנאים צו דער סעודה ווען זיין זוהן רבי אלעזר איז געוואָרן בר מצוה, און ער האָט אויסגעצירט דאָס גאַנצע הויז מיט טייערע כלים, און אַוועקגעזעצט די חכמים אַרום און אַרום זיין טיש, און ער איז געווען זייער פריילין.

## אין היינטיגן טאָג נידערן אַראָפּ הייליגע נשמות צו מיין זוהן רבי אלעזר

**האָבן** די חכמים אים געפרעגט, פאַרוואָס איז אונזער האַר היינט מער פריילעך ווי אין אַנדערע טעג? האָט רבי שמעון בר יוחאי געענטפערט צו זיי, ווייל אין היינטיגן טאָג נידערן אַראָפּ הייליגע נשמות צו מיין זוהן רבי אלעזר פון אונטער די פיר פליגל, און דעריבער פריי איך מיך אַזוי שטאַרק.

## אין היינטיגן טאָג וועט דער אויבערשטער ברוך הוא דיך הייליגן אין דעם גורל פון די הייליגע צדיקים

**אותביה,** רבי שמעון בר יוחאי האָט אַוועקגעזעצט זיין זוהן רבי אלעזר נעבן זיך, און האָט געזאָגט, זיך, מיין זוהן, ווייל אין היינטיגן טאָג וועט דער אויבערשטער ברוך הוא דיך הייליגן אין דעם גורל פון די הייליגע צדיקים.

## היינט קרוינט מען רבי אלעזר מיט אַ הייליגע קרוין

**רבי** שמעון בר יוחאי האָט געזאָגט איין וואָרט און אַ פייער האָט אַרומגענומען דאָס הויז. זענען די חכמים אַרויסגעגאַנגען און האָבן געזען ווי אַ רויך גייט אַרויף פון זיין הויז אַ גאַנצן טאָג. איז געקומען רבי יוסי בן לקוניא און האָט געטראָפן די חכמים ווי זיי

וואונדערן זיך און שטייען אויף דעם מאַרק. האָט ער געזאָגט צו זיי, וואָס איז דער רויך וואָס קומט אַרויס פון דעם הויז פון רבי שמעון בר יוחאי? עס מוז זיין אַז היינט קרוינט מען רבי אלעזר מיט אַ הייליגע קרוין.

## די שמחה זאָל זיין אַ גאַנצע

**דערנאָך** האָבן די חכמים געזען ווי אַ פייערדיגע . ל האָט אַראָפּגענידערט. דאָרט איז געזעסן רבי יוסי, און אַלע האָבן זיך געפרייט און האָבן געזאָגט, די שמחה זאָל זיין אַ גאַנצע. אַלע האָבן געבענטשט רבי אלעזר דעם זוהן פון רבי שמעון, און זענען דאָרט געזעסן און האָבן זיך זייער געפרייט, און האָבן געלערנט תורה. אַזוי איז דאָס לשון פון דעם זוהר:

## ווער עס איז קובע אַ שיעור און איז עוסק אין גמילות חסדים און מעשים טובים, ווערט זיין נשמה באַהאָפטן צו די נשמות פון די צדיקים

**יא. על כן,** דעריבער, וואויל איז צו דעם מענטש וואָס ער באַהעפט זיין נשמה צו די הייליגע נשמות פון די צדיקים און מען קרוינט אים מיט אַ הייליגע קרוין, און צו דעם קען ער אָנקומען דורך דעם וואָס ער באַשטימט פאַר זיך אַ זמן צו לערנען כאָטש איין שיעור, און ער זאָל עוסק זיין אין גמילות חסדים און זאָל טוהן מעשים טובים, אָבער ווען אַ איד גייט נאָך די תאוות פון זיין הארץ און נאָך פ־עסן און זויפן, און אַלע זיינע טעג גייט ער האַנדלען, ער פאַרברענגט וויין צייט צוליב די באַדערפעניש פון זיין גוף, און נישט פאַר די באַדערפעניש פון זיין נשמה, ווערט די הייליגע נשמה אָפּגעטוהן פון אים, ווייל זיין נאַטור ווערט אַזוי ווי די נאַטור פון אַ בהמה.

## מיט וואָס זאָל ער זיך באַהעפטן אין דעם אויבערשטן?

**יב. ועל זה,** און אויף אַזאַ איינעם שטייט אין מדרש הנעלם (זוהר

חדש דף כ"א עמוד ב') רבי יהודה זאָגט, ווי איז צו די רשעים וואָס זיי ווילן זיך נישט באַהעפטן אין דעם אויבערשטן. פרעגט דער מדרש, מיט וואָס זאָל ער זיך באַהעפטן אין דעם אויבערשטן? האָט רבי יצחק געזאָגט, מיט דער נשמה וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים געגעבן, וויל ער זיך נישט באַהעפטן אין אים, נאָר באַהעפט זיך אין די מעשה בהמה, וואָס ער טוט אַזוי ווי בהמות טוען.

## ווען אַ מענטש וואָלט אַריין געטראַכט וויפיל ער מאַכט קאַליע, וואָס ער איז נישט חס אופן כבוד פון באַשעפער, וואָלט ער אַוודאַי נישט געטאָן קיין שלעכטס

**און** פאַרוואָס זאָל דער מענטש נישט טראַכטן אַז דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים נאָר באַשאַפן פאַר זיין כבוד וועגן, נישט כ"י ער זאָל דערפילן זיין תאוה, און אויב דער מענטש זאָל אַריינטראַכטן מיט'ן גאַנצן הארץ וויפיל ער מאַכט קאַליע מיט דעם וואָס ער קוקט נישט אויף דעם כבוד פון זיין באַשעפער, און ווי ער וואָלט געדאַרפט נאָכלויפן צו טוהן די מעשים פון דעם אויבערשטן, וואָלט ער אַוודאי נישט געטוהן קיין שלעכטס, נאָר גוטס, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר (שם דף כ"ג).

## נאָך האַלבע נאַכט איז אַן עת רצון אין הימל, ווייל דער אויבערשטער גייט דאַן אַריין מיט די צדיקים אין גן עדן

**יג. ותנן נמי,** און מיר האָבן אויך געלערנט, ווען דער אויבערשטער גייט אַריין נאָך האַלבע נאַכט מיט די צדיקים אין גן עדן, דעמאָלס ווערן געעפנט אַלע טויערן פון הימל און עס איז אַן עת רצון צו לערנען תורה, און אַ סאַך כתות מלאכים מיט אַלע מיני בשמים פון גן עדן זאָגן שירה צוזאַמען מיט די צדיקים פאַרן אויבערשטן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קמ, יד) אַךְ צַדִּיקִים יוֹדוּ לִשְׁמֶךָ יֵשְׁבוּ יְשָׁרִים אֶת פָּנֶיךָ, ווען טוהען די צדיקים לויבן דיין נאָמען, ווען די ערליכע זיצן פאַר דיר, דאָס מיינט, אין דער צייט ווען זיי זיצן פאַר דיר

נאָך האַלבע נאַכט, און דערנאָך זאָגן שירה די דריי כתות פון מלאכים, וואָס זענען ממונה איבער די משמורות פון דער נאַכט, ביז עס גייט אויף דער מאָרגנשטערן.

## ביים עלות השחר דאַרף מען אויפשטיין פון שלאָף און זאָגן שירות ותשבחות פאַרן אויבערשטן

**יד. ויש חובה,** און ווען דער מאָרגנשטערן גייט אויף, זענען די אידן מחוייב אויפצושטיין און זיך שטאַרקן מיט געזאַנג און לויב פאַרן קעניג פון דער וועלט. פאַרוואָס? ווייל זיי זינגען שירה נאָך די מלאכי השרת, און אין יענער צייט געפינט זיך דער אויבערשטער אונטן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (משלי ח, יז) וּמְשַׁחֲרַי יִמְצָאֻנְנִי, די וואָס זוכן מיך, געפינען מיך (איך טוה דערפילן זייער בקשה). און רבי יהודה האָט געזאָגט, מען זאָל אָבער נישט מפסיק זיין צו דאַוונען ביז די זון שיינט שוין. (אין אנהייב שולחן ערוך שטייט אז א מענטש זאל זיך שטארקן ווי א לייב אויפצושטיין אינדערפרי צו עבודת הבורא אז ביים מארגענשטערן זאל ער שוין לויבן און דינען השי״ת).

## דער קול התורה, איז פאַרן אויבערשטן מער ניחא, ווי אַלע געזאַנגען וואָס די מלאַכי השרת זאָגן פאַר איהם

**אמר רבי יוחנן,** רבי יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב׳ס וועגן, אַז דער אויבערשטער גייט אַרויס פון די וועלטן וואָס ער גלוסט אין זיי, וואָס קיין מלאך האָט נישט קיין רשות אַהין אַריינצוקומען, און ער קומט צו גיין אַריין אין גן עדן, וואָרוּם ער און זעט, אָדער ער הערט, דאָס קול פון דעם מענטש וואָס לערנט תורה, ווייל מיר האָבן געלערנט, דאָס קול (פון דעם וואָס לערנט תורה), איז פאַר דעם אויבערשטן מער ניחא ווי אַלע געזאַנגען און לויב וואָס די מלאכי השרת זאָגן פאַר אים אין הימל. (דערפאר זאל מען זיך שטארקן

און לערנען תורה מיט א קול און ניגון, נישט בלויז קוקן מיט די אויגן אדער זאגן שטיל).

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק (שיר השירים ו, יא) אֶל גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי וגו׳, איך האָב געגידערט אין גן עדן אַריין, וואָס ווערט אָנגערופן ״גִּנַּת אֱגוֹז״, אַ גאָרטן פון ניס, צו זען די מענטשן וואָס לערנען תורה.

## קיין שום אויג האָט נישט געזעהן דעם גן עדן

**טו. אמר רבי יצחק,** האָט רבי יצחק געזאָגט, ווערט דען דער גן עדן אנגערופן ״גנת אגוז״? האָט רבי יוחנן צו אים געזאָגט, יאָ, ער ווערט אָנגערופן ״גנת אגוז״, ווייל אַזוי ווי אַ ניס איז פאַרשטעלט פון אַלע זייטן, און אויף אים איז פאַראַן פיל שאָלעכטס, אַזוי אויך דער עדן איז פאַרשטעלט פון אַלע זייטן, און האָט פאַר זיך אַ סאַך שמירות, אַז קיין שום אויג האָט נישט געוועלטיגט אים צו זען, נישט קיין מלאך און נישט קיין שרף און קיין חשמ״ל, און נישט דאָס אויג פון די נביאים. אויף דעם שטייט אין פסוק (ישעיה סד, ג) עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ, קיין אויג האָט נישט געזען דעם עדן, נאָר דו, באַשעפער, אַליין.

## דער עדן פון אינעווייניג און דער גן פון דרויסן

**רבי** שמעון בר יוחאי האָט געזאָגט, איך בין אַמאָל געשטאַנען פאַר רבי ברוקא און ער האָט געשוואוירן, זאָל איך אַזוי זוכה זיין צו דער מעלה פון ״גנת אגוז״ מיט אַלע ערליכע אידן ווי דאָס וואָס איך זאָג איז אמת. האָב איך נישט געוואוסט וואָס ער מיינט מיט די ווערטער ״גנת אגוז״, ביז איך האָב געהערט וואָס רבי יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא רופט אָן דעם גן עדן ״גנת אגוז״, ווייל אַזוי ווי אַ ניס האָט אַ סאַך שאָלעכטס אַרום זיך און די פרי איז אינעווייניג, אַזוי אויך איז דער עדן פון אינעווייניג און דער גן פון דרויסן.

**דעריבער**, וואויל איז דעם מענטש וואָס גייט מיט גאַנצקייט און באַמיהט זיך אין דער תורה, און אַלע זיינע וועגן זענען לשם שמים, דעמאָלס איז זיין נשמה פאַרזיכערט אַריינצוגיין אין גן עדן, וואָס עס ווערט אָנגערופן "גנת אגוז", וואָס דאָס איז דאָס לעבן אין עולם הבא, אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק כב

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: דער גרויסער חטא פון פגם הברית. - יעדע מצוה ווערט פארצייכנט אויפן שטערן פונעם מענטש. - א מעשה פון רבי חיים וויטאל ז"ל מיניון אר"י ז"ל. - די סיבה פארוואס די צדיקים ליידן יסורים און די רשעים לעבן במנוחה אויף דער וועלט.**

**א. כבר כתבנו,** מיר האבן שוין געשריבן אין צווייטן פרק וועגן דער שטראף פונעם מענטש וואס איז פוגם אין מדת היסוד, וואס אויף דעם האט דוד המלך עליו השלום געזאגט (תהלים קיט, לז) "הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא, בִּדְרָכֶךָ חַיֵּנִי", פיר אריבער מיינע אויגן פון זען און קוקן אויף פרעמדע ווייבער און מיידלעך, כדי איך זאל נישט קומען פארפלעקן מיין נשמה ח"ו, ווייל דורך קוקן אויף זיי, לאדענט מען איין די כוחות הטומאה וועלכע קענען אראפפירן דעם מענטש צום טיפסטן אפגרונד רח"ל.

## ווי איז צום מענטש וואס איז גורם אז די קדושה זאל משועבד ווערן צו דער טומאה רח"ל

**ב. לזה אמר,** און דעריבער האט דוד ווייטער געזאגט "בִּדְרָכֶךָ חַיֵּנִי", דאס ער האט געמיינט צו זאגן ער זאל זיך אנהאלטן אין דער זייט פון לעבן (טאן מצות מיט שמחה), און נישט ח"ו מטמא זיין די נשמה, ווייל דער וואס איז מטמא די נשמה דורך קוקן אויף פרעמדע פרויען, איז דא א ממונה וואס ווערט אנגערופן עשטיר"א (זוהר ח"ב, רסג, ב), און ער איז ממונה איבער טויזנטער און צענדליגער טויזנטער שדים און מלאכי חבלה, זיי זענען גורם אז דער כח השפעה קדושה פון מענטש זאל זיין משועבד צו דער סטרא אחרא. אוי ווי אז דער מענטש זאל זיך אליין גורם זיין אז די קדושה זאל ווערן משועבד צו דער טומאה חס ושלום.

## די גלידער און אָדערן פון מענטש באַטרעפן אַזויפיל ווי די תרי"ג מצוות

**ג. ודע מה,** און דו זאָלסט וויסן וואָס די תלמידים פון אר"י ז"ל האָבן מקבל געווען פון זייער רבי'ן, אַז אין מענטשנ'ס גוף זענען פאַראַן 613 גלידער און אָדערן, און דאָס זענען די ניצוצין פון זיין נפש, און אַזוי זענען פאַראַן 613 גלידער און אָדערן ביי זיין רוח, און אַזוי אויך ביי זיין נשמה, און יעדעס גליד הענגט אין אַ מצוה פון די 613 מצוות. און דער אר"י ז"ל האָט געוואוסט וועלכע מצוה פעלט פון דעם מענטשן, און ער האָט געזען אין דעם ניצוץ וואָס פאַראַ עבירה ער האָט געטוהן, ווייל ווען דער מענטש טוט אַן עבירה ווערט פון אים אָפּגעטוהן אַ ניצוץ, און ער האָט געגעבן יעדן איינעם אַ תיקון ווי אַזוי דער ניצוץ זאָל זיך צוריקקערן צו זיין אָרט.

## אויפן מענטשנס שטערן אין פנים דערקענט מען זיינע עבירות

**און** נאָך מער ווערט דאָס דערקענט פון די אותיות וואָס שטייען אין זיין הויט, און בפרט אין זיין פנים, און אין זיינע האָר ווערט דאָס נאָך מער דערקענט, און ער האָט געהאַט אַ סימן אין די קנייטשן און גריבלעך פון די הענט און פנים פונעם מענטש.

## אַ מעשה פון אַריז"ל מיט רבי חיים וויטאַל ז"ל

**ד. ופעם אחת,** איינמאָל איז צו אים געקומען זיין תלמיד אַ גדול הדור, וואָס זיין נאָמען איז געווען רבי חיים וויטאל, און דער אר"י ז"ל האָט צו אים געזאָגט, אָט זעה איך אַז די 22 אותיות פון דעם אל"ף בי"ת וואָס שטייט אויף דיין שטערן, לייכטן זעלע, נאָר די גימ"ל שטייט פאַרקערט. האָט רבי חיים וויטאַל זיך זייער דערשראָקן, און האָט געבעטן דעם אַר"י הקדוש אַז ער זאָל אים זאָגן דעם טעם דערפון, ווייל דאָס איז אַוודאי נישט אומזיסט.

## אַן איבערגעדרייטע גימ"ל צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געטוהן גענוג חסד מיט זיין פאָטער

**האָט** דער אר"י ז"ל אים געזאָגט, דאָס איז ווייל דו ביסט נישט גומל חסד מיט דיין פאָטער אַזוי ווי מען דאַרף, כאָטש דו טוסט דאָך מיט אים חסד, אָבער נישט קיין גאַנצע חסד, דעריבער שטייט די גימ"ל פאַרקערט, ווייל די גימ"ל באַדייט אויף גמילות חסד.

## ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה ווערט זי פאַרצייכנט אין אַן אות פון אלף-בית אויף זיין פנים

**ה. ועוד אמר**, נאָך האָט דער אר"י ז"ל געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז יעדער מענטש וואָס טוט אַ מצוה ווערט די מצוה פאַרצייכנט אויף זיין שטערן אין אַן אות פונעם אל"ף בי"ת, און דאָס לייכט אין זיין פנים. טוט ער די מצוה נאָך אַמאָל, שפּראָצט זי אַרויס און פינקלט, אָבער ביי דעם ערשטן מאָל שפּראָצט עס נישט אַרויס, נאָר אַז ער גיט צדקה, דעמאָלטס שפּראָצט די צדקה אַרויס צום ערשטן מאָל אויך, און זי לייכט תיכף אויף זיין שטערן.

## אום שבת, ווען די נשמה יתירה קומט צו אידן, ווערט אינגאַנצן פאַרדעקט דער צייכן פון זינד

**און** אַזוי אויך אויב דער מענטש איז עובר אַן עבירה, זענען די עבירות פאַרצייכנט אין זיין שטערן מיט שוואַרצן פייער. פונדעסטוועגן, אויב ער האָט חרטה און באַמיהט זיך צו פאַרריכטן די עבירות דורך תשובה, ווערט אָפּגעטוהן דאָס פינסטערניש און דאָס שוואַרצע פייער וואָס איז געווען אויף זיין שטערן, און אום שבת, ווען די נשמה יתירה קומט צו אידן, ווערט אינגאַנצן פאַרדעקט דער צייכן פון זינד, נאָר דער צייכן פון טומאה דורך קוקן אויף פרויען, כאָטש ער האָט תשובה געטוהן דערויף, גייט ער נישט אַוועק ביז ער טובל'ט זיך.

## דער שטערן ווייזט עתידות

**ו. הכלל כי,** דער כלל איז, אַז דעריבער ווערט דער מענטש אָנגערופן "עולם קטן", - אַ קליינע וועלט, ווייל אַזוי ווי עס ווערט נגזר עפּעס אַ זאַך צו קומען אויף דער וועלט, סיי גוטס אָדער שלעכטס חס ושלום, ווערט עס דאָך געזען דורך די שטע־ן, אַזוי אויך ביי דעם מענטשן, ווערט עס געזען אין די צייכענס פון זיין שטערן.

## וואָס רבי אבא און רבי יוסי האָבן געזעהן אויפן שטערן פון אַ איד אַן עבירה פון כרת בשוגג

**קום** און זעה וואָס עס שטייט אין זוהר פרשת אחרי מות (דף ע"ה עמוד ב') רבי אבא איז געגאַנגען קיין קפוטקיא און רבי יוסי איז אויך געווען מיט אים. ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען האָבן זיי געזען ווי אַ מענטש קומט און האָט אַ צייכן אין זיין פּנים. האָט רבי אבא געזאָגט, לאָמיר זיך אָפּקערן פון דעם וועג, ווייל דאָס פּנים פונעם מענטשן זאָגט אויף אים עדות אַז ער איז נכשל געוואָרן מיט אַן עבירה, וואָס ער איז דערויף חייב כרת מן התורה, דעריבער איז דאָס פאַרצייכנט אויף זיין פּנים.

## איר זאָלט מיך נישט שטראָפן, ווייל מיינע עבירות האָבן גורם געווען דעם צייכן

**האָט** רבי יוסי צו אים געזאָגט, אפשר האָט ער דעם צייכן פון קינד ווייז אָן, איז דאָך שוין נישט געדרונגען פון דעם צייכן אַז ער איז נכשל געוואָרן מיט אַן עבירה. האָט רבי אבא געזאָגט, איך זעה אָבער דאָך אין זיין פּנים אַז ער איז נכשל געוואָרן אין אַן עבירה. האָט רבי אבא גערופן דעם מענטשן און האָט צו אים געזאָגט, זאָג מיר וואָס פאַראַ צייכן איז דאָס ביי דיר אויף דיין פּנים. האָט דער מענטש צו זיי געזאָגט, איך בעט אייך איר זאָלט מיך נישט שטראָפן, ווייל מיינע עבירות האָבן גורם געווען דעם צייכן.

## וואָס פאַר אַ רפואה האָט ער דיר געגעבן?

**האָט** רבי אבא צו אים געזאָגט, וואָס פאַראַ עבירה האָסטו געטוהן?

האָט דער מענטש צו אים געזאָגט, איין טאָג בין איך געגאַנגען אין וועג, זענען מיר געוועזן אין אַ גאַסט הויז און איך האָב זיך אָנגעטרונקען מיט וויין ביז איך בין געוואָרן שיכור, האָב איך עובר געוועזן אַ גרויסע עבירה. ווען איך בין אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט דער בעל הבית זיך געקריגט מיט אַ מענטש, האָב איך געוואָלט שלום מאַכן צווישן זיי, האָבן זיי מיך צעביילט, דער פון איין זייט און דינער צווייטער פון דער אַנדערער זייט. איז דער צייכן מיר אַריין אין מיין מוח, און ווען אַ גוטער דאָקטאָר וואָס הייסט רבי שמלאי וואָלט מיך נישט געהיילט, וואָלט איך געשטאָרבן. האָט רבי אבא אים געפרעגט: וואָס פאַר אַ רפואה האָט ער דיר געגעבן?

## דורך טרערן וואַשט מען אָפּ דעם רושם פון דער עבירה אויפן שטערן

**ז. אמר ליה,** האָט דער מענטש אים געענטפערט, ער האָט מיר געגעבן אַ רפואה צו דער נשמה, ער האָט מיר געגעבן אַ תשובה און פון יענעם טאָג אָן האַלט איך די תשובה, און יעדן טאָג וויין איך פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא אויף דער זינד וואָס איך האָב געטוהן, און מיט די טרערן וואַש איך אָפּ מיין פנים.

## פון היינט אָן זאָל איך לערנען תורה טאָג און נאַכט

**האָט** רבי אבא אויף אים געלייענט דעם פסוק (ישעיה ו, ז) "וְסָר עֲוֹנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר", און דיין זינד ווערט אָפּגעטוהן און דיין עבירה ווערט פאַרגעבן. איז דער צייכן אַוועקגעגאַנגען פון זיין פנים. האָט דער מענטש געזאָגט, איך נעם אויף מיר אַז פון היינט אָן זאָל איך לערנען תורה טאָג און נאַכט. האָט רבי אבא אים געפרעגט, וואָס איז דיין נאָמען? האָט ער געזאָגט, איך הייס אליעזר.

## דער נאָמען איז גורם פאַר'ן מענטש תשובה צו טוהן

**האָט** רבי אבא צו אים געזאָגט: דיין נאָמען האָט דיר גורם געוועזן אַז דו זאָלסט תשובה טוהן. דער אויבערשטער האָט דיר געהאָלפן און ער וועט דיר העלפן, ווייל "אליעזר" מאַכט "אלי עזר", וואָס איז טייטש, מיין ג-ט העלפט מיר. דערנאָך האָט רבי אבא אים אַוועק געשיקט און האָט אים געבענטשט.

## ווי נאַריש זענען מענטשן, וואָס פרעגן נישט, ווייסן נישט און באַטראַכטן נישט צו ווייסן השי"ת וועגן, אויף וואָס די וועלט שטייט?

**ח. לזימנא אחרא,** אַן אַנדער מאָל איז רבי אבא געגאַנגען צו רבי שמעון בר יוחאי, איז ער גראָד געקומען אין דער שטאָט וואו דער פריער דערמאנטער אליעזר האָט געוואוינט, האָט רבי אבא אים געטראָפן ווי ער איז געזעסן און האָט גע'דרש'נט דעם פסוק (תהלים צב, ז) "אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל לֹא יָבִין אֶת זֹאת", ווי נאַריש זענען די מענטשן פון דער וועלט, וואָס זיי פרעגן נישט און ווייסן נישט און קוקן נישט צו וויסן דעם וועג פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, אויף וואָס די וועלט שטייט. ווער האַלט זיי אָפּ פון צו וויסן דאָס? דאָס איז נאָר זייער נאַרישע הערצער, ווייל זיי ווייסן נישט צו לערנען תורה, ווען זיי וואָלטן יאָ געלערנט תורה צו וויסן דעם אויבערשטן'ס וועג, וואָלטן זיי געוואוסט דעם וועג פונעם אויבערשטן.

## דער ליידיגער מענטש ווייסט נישט צו לערנען תורה, און דער נאַר ווייסט נישט דעם סדר פון דער שכינה

**און** דאָס מיינט דער פסוק "אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע", דער ליידיגער מענטש ווייסט נישט צו לערנען תורה, "וּכְסִיל לֹא יָבִין אֶת זֹאת", און דער נאַר ווייסט נישט דעם סדר פון דער שכינה, וואָס זי ווערט גערופן "זאת", אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ויקרא טז, ג) בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ.

## די צדיקים ווערן געשטראָפט אויף דער וועלט כדי זיי זאָלן באַקומען שכר אויף יענער וועלט, און די רשעים האָבן מנוחה אויף דער וועלט כדי געשטראָפט צו ווערן אויף יענער וועלט

**ט. והוא,** ווייל דער סדר פון דער שכינה איז צו שטראָפן די צדיקים אויף דער וועלט כדי זיי זאָלן ירש'ענען יענע וועלט, און די רשעים באַצאָלט זי אַביסל גוטס אויף דער וועלט פאַר די מצוות וואָס זיי האָבן געטוהן, כדי זיי צו פאַרטרייבן פון עולם הבא, און דער נאַר פאַרשטייט דאָס נישט. ער וואונדערט זיך און טראַכט אַריין און זעט ווי דער צדיק איז איינגעהילט מיט יסורים און די רשעים זיצן בשלוה און שטאַרקן זיך און זענען מצליח אין אַלע זייערע געשעפטן, אָבער דער חכם פאַרשטייט און ווייסט אַז דאָס וואָס די רשעים זענען מצליח, דאָס איז כדי זיי צו פאַרטיליגן פון יענער וועלט, און דאָרטן וועלן זיי זיין אַש אונטער די פיס פון די צדיקים, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מלאכי ג, כא) "וְעַסּוֹתֶם רְשָׁעִים כִּי יִהְיוּ אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלֵיכֶם", און איר וועט צעטרעטן די רשעים ווייל זיי וועלן זיין אַש אונטער אייערע פיס.

## פלוצלונג וועט דיין שעה איבערגעקערט ווערן, און קיינער וועט זיך אויף דיר נישט דערבאַרעמען

**נאָך** האָט דער אויבן דערמאנטער אליעזר גע'דרש'ענט, עס שטייט אין ספר איוב (טז, ח) "וַיָּקָם בִּי כַחֲשִׁי בְּפָנַי יַעֲנֶה", און מיין ליגן טוט אויף מיר אויפשטיין און טוט זיך ווייזן אויף מיין פנים, ווייל דער וואָס זינדיגט און גייט נאָך די גלוסטונגען פון זיין האַרץ, און טראַכט נישט וועגן זיין סוף, אַז ער וועט שטאַרבן און וועט מוזן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַרן אויבערשטן וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, אַז ער קומט פאַר דעם דין זענען פאַרצייכנט און אויסגעקריצט אויף זיין פנים אַלע זינד וואָס ער האָט געטוהן, און די אויבערשטע מלאכים ווי אויך די מלאכים וואָס שוועבן אונטערן הימל, אַלע קוקן אויפן צייכן וואָס ווייזט אויף די זינד וואָס ער האָט געטוהן, שעלטן זיי אים און זאָגן אויף אים, ווי

אַז דיין טאָג וועט קומען און דו וועסט אַריינפאַלן אין די הענט פון די אכזריים צו פאַרגיסן אויף דיר ביטערע און שווערע דינים, און פלוצלונג וועט דיין שעה איבערגעקערט ווערן, און קיינער וועט זיך אויף דיר נישט דערבאַרעמען און קיין מליץ יושר וועסטו נישט האָבן ער זאָל פאַר דיר רעדן גוטס, און די קדושה וועט זיך דערווייטערן פון דיר און די טומאה וועט זיך שטאַרקן אין דיין גאַנצן גוף און וועט זיך באַהעפטן אין דיר.

## דער אויבערשטער ברוך הוא טוט פאַר זיי זייער ווילן אויף דער וועלט כדי זיי צו פאַרלענדן אויף יענער וועלט

**ובאלו הימים,** און אין די טעג ווען די זינד זענען פאַרצייכנט אויף זיין שטערן, אויב ער ברענגט אַראָפּ קינדער אויף דער וועלט, וועט דאָס קינד זיין אַן עז פנים, אַ גבר אַלים און ער וועט נישט פאַרנעמען קיין שטראָף רייד, און די דאָזיגע קינדער רופט אָן דער זוהר (פרשת אחרי שם, דף ע"ו עמוד א') די רשעים פון דור, וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא טוט פאַר זיי זייער ווילן אויף דער וועלט כדי זיי צו פאַרלענדן אויף יענער וועלט. און אויף אַזעלכן האָט איוב געזאָגט "כַּחַשִׁי בְּפָנַי יַעֲנֶה".

## ביי די צדיקים ווערט פאַרצייכנט און אויסגעקריצט אויפן שטערן אַלע זייערע גוטע מעשים פאַר זייער טובה וועגן

**אָבער** אויף די צדיקים פון דעם דור, די רעכטפאַרטיגע, די וואָס טוהען מעשים טובים וואָס זיי יאָגן נאָך גערעכטיגקייט און חסד, און גלויבן אין אויבערשטן, די וואָס האָבן חרטה אויף זייערע שלעכטע מעשים און יעדן טאָג גרייטן זיי זיך צום יום הדין, דאָס מיינט צו זאָגן, זיי פאַרגעסן נישט יעדן טאָג אַז זיי וועלן מוזן געבן אַ דין וחשבון, כדי צו קומען מיט קדושה און טהרה פאַרן כסא הכבוד, ביי זיי ווערן פאַרצייכנט און אויסגעקריצט אויפן שטערן אַלע זייערע גוטע מעשים פאַר זייער טובה וועגן.

## דער געליבטער זוהן וואָס איז משמח דעם אויבערשטן ברוך הוא

**יא. ובהסתכלות בהן,** און אַז די מלאכים קוקן אויף זיי בענטשן זיי יעדן איינעם און זאָגן, דאָס איז דער הייליגער זוהן פונעם באַשעפער ברוך הוא, דער געליבטער זוהן וואָס איז משמח דעם אויבערשטן ברוך הוא, און די סטרא אחרא אַנטלויפט פון אים און די קדושה ווערט אין אים באַהאַפטן און שטאַרקט זיך יעדן טאָג, וואויל איז אים און וואויל איז זיין חלק.

**האָבן** געזאָגט צו אים (צו רבי אליעזר) די צוהערער, פון וואַנעט ווייסטו אַז דאָס וואָס דו זאָגסט איז ריכטיג?

## דורך מיין תשובה צוזאַמען מיט דער ברכה פון צדיק איז דער צייכן אַוועק

**יב. אמר להן,** האָט ער זיי געענטפערט, ווייל ביי מיר איז אַמאָל געוואָרן אַ צייכן אויף מיין פנים צוליב אַן עבירה וואָס איך האָב געטוהן, און דורך מיין תשובה צוזאַמען מיט דעם וואָס אַ צדיק האָט מיך געבענטשט און געזאָגט "וְסָר עֲוֺנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר", איז דער צייכן אַוועק געגאַנגען פון מיר.

## וואויל איז דיין חלק אויף דער וועלט, און וואויל איז דיין חלק אויף יענער וועלט

**האָט** רבי אבא אים געפרעגט: ווי הייסטו? האָט ער געענטפערט, איך הייס אליעזר. האָט זיך רבי אבא דערמאַנט אין דער גאַנצער מעשה, און האָט צו אים געזאָגט, געלויבט איז דער אויבערשטער וואָס איך האָב דיך זוכה געווען צו זעהן, וואויל איז דיין חלק אויף דער וועלט, און וואויל איז דיין חלק אויף יענער וועלט.

## איך בין עס געווען דער וואָס האָט דיך דעמאָלס באַגעגנט אין וועג און געבענטשט

**יד. אמר ליה,** האָט רבי אבא געזאָגט צו אים: איך בין עס געווען דער וואָס האָט דיך דעמאָלטס באַגעגנט אין וועג און געבענטשט. האָט ער פאַרבעטן רבי אבא'ן צו זיך אַהיים און האָט געמאַכט פאַר אים אַ גרויסע סעודה מיט ברויט און פלייש פון אַ קעלבל (וואָס ווערט אָנגערופן "עגלא תילתא").

## פרידן זאָל זיין צו דיר אויף דער וועלט, און פרידן זאָל זיין צו דיר אויף יענער וועלט

**ווען** רבי אבא האָט געזעהן אַז ער איז אַ מושלם אין תורה און אין פרומקייט, האָט ער אויסגערופן אויף אים דעם פסוק (שמואל א כה, ו) "אַתָּה שָׁלוֹם וּבֵיתְךָ שָׁלוֹם וְכֹל אֲשֶׁר לְךָ שָׁלוֹם", דו ביזט פרידן און דיין הויז איז פרידן, און אַלץ וואָס דו האָסט איז פרידן. פרידן זאָל זיין צו דיר אויף דער וועלט, און פרידן זאָל זיין צו דיר אויף יענער וועלט.

❖ ❖ ❖

## הוספות

לפרק כא אות יד

### דאס גרויסקייט און חשיבות פון תהלים פון פשוטע אידען תהילים אידן

**שבועות** איז די יארצייט פון דוד המלך ע"ה, דער פארפאזסער פון

הייליגען ספר תהלים, אויך איז שבועות[א] די יארצייט פון הייליגען בעל שם טוב זיע״א. די פאלגענדע געשיכטע האָט א שייכות צו ביידע:

**דער** בעש״ט הק׳ זי״ע האָט זיך נוהג געווען אז די אורחים וועלכע פלעגן קומען צו אים אויף שב״ק, זענען געלאדנט געווארן צום טיש פאר צוויי פון די דריי שבת׳דיגע סעודות, איין סעודה איז געווען בלויז פאר זיין ״חבריא קדישא״, ווען ער האָט זיך מתייחד געווען מיט זיינע תלמידים, און די אנדערע אורחים האבן נישט געהאט קיין רשות צו זיין דערביי דערפאר אבער, ביי די אנדערע סעודות האָט דער בעש״ט שטארק מקרב געווען די פשוט׳ע אידן, צווישן די אורחים זענען אויך געווען גרויסע גאונים און צדיקים און פארשטייט זיך אז די תלמידים פון דער חבריא קדישא זענען אויך געזעסן ביים טיש.

**אויף** א געוויסן זומערדיגען שב״ק זענען צום בעש״ט געקומען, ווי דער שטייגער איז געווען פיל אורחים. צווישן זיי זענען געווען פשוט׳ע אידן, קרעטשמער, ערד-ארבייטער, בעלי מלאכות, שוסטערס, שניידערס, גערטנערס און דאס גלייכן, יענעם פרייטאג-צו נאכטס, ביי די ערשטע סעודה האָט דער בעש״ט ארויסגעוויזען גרויס התקרבות צו די פשוט׳ע אידן צווישן די אורחים, איינעם האָט ער געגעבן ווייַן פון זיין קידוש בעכער, א צווייטן ״זיין״ קידוש בעכער צו מאכן דערמיט קידוש, די אנדערע האָט ער געגעבן שטיקלעך חלה פון זיין ״המוציא״, אנדערע ווידער האָט ער איינגעטיילט פיש און פלייש פון זיין טעלער, אזוי האָט ער זיי ארויסגעוויזן פארשידינע אויפמערקזאמקייט. די תורה וואס ער האָט געזאגט ביים טיש איז רוב געווען דרושים, משלים,

---

א) זע ווייטער אין פרק צ״ב דאָס גרויסקייט פון יו״ט שבועות, אַזוי ווי דער מחבר איז דאָ מאריך וועגען די אידן וואָס דינען השם יתברך מיט תמימות, און טוען אַלע זאַכן לשם שמים, על כן האָבען מיר דאָ אַראָפּ געברענגט די גרויסע ענינים פון די פשוטע אידן וואָס זאָגן כסדר תהילים.

און מעשה׳לעך, וואס פשוט׳ע אידן האבן געקענט גרינג פארנעמען, דאָס אַלעס האָט שטאַרק באַוואונדערט די בעש״ט׳ס הייליגע תלמידים.

**די** צווייטע סעודה, אויף צו מארגענס נאכ׳ן דאווענען, איז כנהוג געווען נאר פאר די תלמידים. וויסענדיג אז די סעודה איז נישט פאר אורחים, האבן זיך די פשוט׳ע אידן נאכ׳ן עסען פארזאמלט אין ביהמ״ד פון בעש״ט, און האבן גענומען זאגען תהלים, ווייל אויסער עברי, חומש און תהלים האבן זיי קיין זאך נישט געקענט. ־אס איז געווען אין די יארן צווישן תקי״ג - תקט״ו ווען צווישן די תלמידים פון בעש״ט זענען שוין געווען אזעלעכע בארימטע גאונים ווי דער מעזריטשער מגיד, רבי יעקב יוסף הכהן פון פולנאה דער מחבר פון סה״ק תולדות יעקב יוסף, זי״ע, און נאך אנדערע, די באגייסטערונג פון די תלמידים זיצענדיג ביים טיש מיט זייער הייליגען רבי׳ן איז געווען אויסערגעווענליך, די הארציגע ניגונים און די תורה פון בעש״ט האבן דערהויבן די תלמידים און אנגעפילט זייערע הערצער מיט א וואונדערליכן תענוג, זיי האבן זיך געפילט גליקליך וואס זיי האבן זוכה געווען צו זיין תלמידים פונעם הייליגען בעש״ט.

**ביי** עטליכע פון די תלמידים האָט זיך צווישן די געהויבענע געדאנקען אריינגעכאפט אַ זייטיגער געדאנק. ס׳איז דאך אזוי גוט צו זיצען אליין מיט׳ן הייליגען רבי׳ן און שוועבן אין די הויכע עולמות, נישט אזוי איז עס אבער ווען דער הייליגער בעש״ט דארף זיך אראפלאזן צום עולם התחתון פון די פראסטע מענטשען, די דארפסלייט און בעלי מלאכות, וועלעכע קענען נעבעך גארנישט אויסער אביסל עברי, וואס איז זייער יחוס וואס דער הייליגער רבי איז זיי אזוי מקרב ?

**זוכענדיג** אן ענטפער צו דער רעטעניש, האבן די תלמידים באמערקט ווי די ליכטיגע געזיכט פון זייער רבי׳ן איז

געווארן ערנסט און זייער רבי האָט זיך טיף פאר׳דביקה׳ט, אין מיטן פון דער דביקות האָט דער בעש״ט אנגעהויבן זאגען תורה:

**״ס׳שטייט** אין פסוק שלום שלום לרחוק ולקרוב, ווער איז ז׳ער רחוק און ווער איז דער קרוב? זאגן אונז די חז״ל אז רחוק מיינט מען דעם בעל תשובה, וועלכער איז געווען ווייט און האָט זיך דערנענטערט, און קרוב מיינט דעם צדיק, וועלכער שטייט שטענדיג נאענט צום באשעפער, שטייט אין פסוק פריער ״רחוק״ און דערנאך ״קרוב״ צו ווייזן אז א בעל תשובה דערגרייכט נענטער ווי א צדיק, ווי אונזערע חכמים זאגען ״במקום שבעלי תשובה עומדים וכו׳ אויף דעם ארט וואו בעלי תשובה שטייען קענען נישט שטיין צדיקים גמורים, אפילו צדיקים וואס האבן קיינמאל נישט טועם געווען קיין טעם חטא״ די ערקלערונג דערפון איז, עס זענען פאראן צוויי עו׳ליי דרכים אין עבודת השם. דער דרך העבודה פון צדיקים און די עבודה פון בעלי תשובה, און די עבודה פון אנשים פשוטים איז אין ז׳ער מדרגה פון בעלי תשובה, ווייל זייער עבודה איז מיט הכנעה און א צעבראכן הארץ מיט א געפיל פון חרטה אויפ׳ן עבר און קבלה טובה אויף להבא.

**ווען** דער בעש״ט האָט געענדיגט די תורה האָט מען גענומען זינגען ניגונים און זמירות, די יעניגע תלמידים וועלכע האבן זיך פארטראכט אין דעם וואס דער בעש״ט איז אזוי מקרב די פשוט׳ע מענטשן, האבן פארשטאנען, אז זייער הייליגער רבי האָט דערפילט זייער מחשבה, און דעריבער האָט ער געזאגט די תורה וועגן מעלה פון דער עבודה פון אנשים פשוטים איבער די עבודה פון צדיקים גמורים.

**אין** דער צייט פון דער נגינה איז דער בעש״ט ווידער געווען פארטיפט אין אן אויסערגעווענליכער דביקות, און ווען מ׳האָט פארענדיגט דעם ניגון האָט ער געפענט זיינע שטראלענדיגע אויגען און זיין טיפער בליק האָט דורכגעדרינגען די תלמידים, דאן האָט ער געהייסן אז יעז׳ער

פון די תלמידים זאל ארויפלייגען זיין רעכטע האנט אויף די פלייצע פון זיין שכן, אזוי אז אלע תלמידים זאלן זיין פאראייניג ווי אַ קייט ארום דעם טיש ווען די תלמידים האבן אזוי געטאן האָט ער זיי געהייסן זינגען געוויסע דביקות ניגונים, דערנאך האָט ער זיי געהייסן צומאכן די אויגען, באלד דערנאך האָט דער בעש"ט ארויפגעלייגט זיין רעכטע האנט אויף דעם תלמיד וועלכער איז געזעסן נעבן אים פון רעכטס און זיין לינקע האנט אויף דעם וואס איז געזעסן נעבן אים לינקס.

**פלוצלונג** האבן די תלמידים דערהערט א געזאנג וואס האָט אנגעפילט זייערע הערצער מיט אן איבערנאטורליכער זיסקייט, אויסגעמישט מיט געבעט און תחנונים וואס האָט זיי אויפגעטרייסעלט ביז צו דער טיפעניש פון דער נשמה, אט האבן זיי געהערט א וויינענדיג קול, אוי רבונו של עולם אמרות ד' אמרות טהורות... א צווייטער קול זינגט אויס טאטע הארציגער ? חנני אלקים חנני... נאך א קול מאנט, אוי געוואלד זיסער טאטע אין הימעל, יקום אלקים יפוצו אויביו... און ווידער א הארצרייסנדער קול, ליבער פאטער דערבארעמדיגער טאטע שובנו אלקי ישענו והפר כעסך עמנו... די הייליגע חבריא די תלמידים הערן די געזאנגען און געבעטן פון די תהלים זאגער און ווערן אויפגעטרייסלט און פארציטערט. פון זייערע פארמאכטע אויגען נעמען זיך גיסן טרערן און זייערע הערצער ווערן צעבראכן און צעגאנגען פון די ניגונים און געזאנגען וועלכע דערגרייכן זייערע אויערן. יעדער איינער פון די תלמידים וואונטשט זיך אז דער באשעפער זאל אים העלפן ער זאל קענען אויסגיסן זיין הארץ צום באשעפער אין אן ענליכן אופן,

**דער** בעש"ט האָט אראפגענומען זיינע הענט פון די תלמידים וועלכע זענען געזעסן נעבן אים פון רעכטס און פון לינקס, און די וואונדערליכע קלאנגען פון די תהלים זאגער זענען שטיל געווארן, דאן האָט דער בעש"ט געזאגט צו זיינע תלמידים, אז זיי מעגן עפענען די אויגען און ער האָט זיי געהייסן ווידער זינגען עטליכע ניגונים, ווידער

האָט דער בעש"ט זיך פארטיפט אין דביקות און דאן האָט ער געעפענט זיינע ליכטיגע אויגען און זיך אנגערופן צו זיינע תלמידים "די געזאנגען און שטימען וואס איר האָט געהערט זענען געקומען פון די ליפן פון די אנשים פשוטים וועלכע זאגען יעצט תהלים מיט תמימות פון דער טיפעניש פון זייערע הערצער אנגעפילט מיט אמונה פשוטה, אייערע נשמות האבן דערהערט זייערע ווערטער און געזאנגען ווי זיי דערגרייכן אין העכערע הימלען".

**ווען** דער מעזריטשער מגיד האָט דערציילט זיין בארימטן תלמיד הגה"ק בעל התניא זי"ע וועגן דער איבערלעבעניש יענעם שב"ק ביים בעל שם טוב'ס טיש, האָט ער צוגעגעבן "אין יענעם מאמענט ווען איך האב געהערט די שטימען און קלאנגען פון די תהלים זאגער, האב איך געפילט אזא השתפכות הנפש און אזא בענקעניש צום באשעפער מיט אהבה בתענוגים. וואס איך האב אזוינס נאך קיינמאל אין לעבן נישט געפילט, מיינע פאנטאפל זענען געווען נאס פון שוויס און טרערן וואס דער געפיל פון תשובה האָט אין מיר ארויסגערופן, א געפיל פון טיפעניש פון הארץ".

## די גרויסקייט פון תהילים זאָגן פון של"ה הקדוש

**אַ מעשה** נורא ווערט געבראַכט אין של"ה הקדוש, בשם ספר "עמק המלך" אין נאָמען פון הגה"ק רבי אביגדור קרא זצ"ל, וועגן די גרויסע מעלה פון תהילים זאָגן.

**איך** האָב געהערט פון מיין הייליגן רבי'ן הי"ד, אַז אין שנת קי"ב, צוויי יאָר נאָך די גזירות, איז געבליבן אין דאָרף נעבן עהרנוורט (דייטשלאַנד) וואו די רשעים האָבן נישט געהאַט קיין שליטה. אין דעם דאָרף איז געזעסן אַן אַלטער אָרימער מענטש, אַ פשוט'ער איד וועלכער האָט געקענט לערנען בלויז חומש און תנ"ך. ער איז געווען אַ זקן און איז געשטאָרבן בשיבה טובה.

**אין** די שלושים פון זיין פטירה איז ער געקומען אין חלום צו א גרויסן חכם און חסיד אין ערפורט און ער האָט זיך צו אים באַוויזן ווי ער שטייט אין די תכריכים מיט אַ קליין ספר אין דער האַנט. האָט אים דער חסיד געפרעגט: "**ביזטו נישט דער מאַן וועמען מיר האָבן דעמאָלטס און דעמאָלטס מקבר געווען?**", האָט ער אים געענטפערט:

**"יאָ, איך בין דאָס".**

**האָט** אים ווידער דער חכם געפרעגט: "**וואָס פאַר אַ ספר האָסטו אין האַנט?**" האָט ער אים געזאָגט: "**דאָס איז אַ תהילים'ל**, און איך בין דיר געקומען וואָרענען אַז דו זאָלסט באַפעלן פאַר אַלע אידן זיי זאָלן אַנטלויפן פון דעם דאָרף וואו איך האָט געוואוינט און זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן, ווייל זיי זיינען ח"ו אין אַ גרויסער סכנה, זאָלן זיי זיך באַהאַלטן אין די אַנדערע קהילות, ווייל כל זמן איך האָב געלעבט דאָרט האָב איך יעדן טאָג אויסגעזאָגט גאַנץ תהילים אַזוי עטלעכע יאָר, און אין דעם זכות האָבן מיר געלעבט בשלום און ניצול געוואָרן, אָבער פון איצט אָן איז נישטאָ ווער עס זאָל אויף זיי מגין זיין".

**ווען** דער חסיד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער געדענקט דעם חלום און האָט זיך שטאַרק געשראָקן. ער האָט געשיקט אַ ספּעציעלן שליח אין יענעם דאָרף און ער האָט זיי געוואָרנט צו אַנטלויפן. די וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם חכם זיינען אַנטלאָפן און ניצול געוואָרן, אָבער די וועלכע האָבן נישט געפאָלגט, זיינען לײדער אומגעקומען ר"ל. און פון דעמאָלטס אָן וואָס מיין רבי האָט דאָס געהערט האָט ער נישט פאַרפעלט אויסצוזאָגן תהילים אַ גאַנצע וואָך, איינגעטיילט אין זיבן טיילן איין טייל יעדן טאָג. דעריבער זאָלט איר אויך געוואָרנט זיין צו זאָגן תהילים, ווייל תהילים שטופּט אָפּ אַלע סאָרטן אָנשיקענישן און אַלע פגעים רעים פון

זיך און פון זיין בני בית און פון דער גאַנצער משפחה און פון גאַנצן דור. און עס ברענגט צו כל מיני שפע ברכות טובות והצלחות.

## דורך תהילים זאָגן דערגרייכט מען הויכע מדריגות

**אין** ספר "רשפי אש" ווערט געברענגט אַז דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אויף צוויי מענטשן אַז זיי האָבן דערגרייכט גאָר הויכע מדריגות. איינער דורכ'ן זכות פון זאָגן תהילים, און דער צווייטער דורך לערנען גמרא מיט תוספות.

## דוד המלך איז מקבל פנים אַ איד אַ תהילים-זאָגער

**דער** רבי ר' מרדכי'לע מנעסכיז זי"ע האָט דערציילט אַז איינמאָל איז געווען אַ פשוט'ער איד וועלכער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף, ער האָט כל ימיו געזאָגט תהילים. ווען ער איז נפטר געוואָרן האָט אַ צדיק געזען אַז דוד המלך ע"ה איז אים אַנטקעגן געגאַנגען און דאָט געשפילט מיט זיין פידל מיט גרויס שמחה.

## די סגולה פון תהילים זאָגן

**עס** איז געווען אין אַ קהלה לעבן פרעשבורג האָט מען געוואָלט אויפנעמען אַ רב, און מען האָט געהאַט צוויי קאַנדידאַטן, איינער אַ תלמיד פון הייליגן חתם סופר זי"ע און איז געווען מפורסם פאַר אַ גרויסן תלמיד חכם, און דער צווייטער איז געווען באַוואוסט מיט זיין גרויס עבודה בתפלה ויראת שמים.

**דער** הייליגער חתם סופר האָט זיך משתדל געווען פאַר זיין תלמיד, דער סוף איז געווען אַז מען האָט אויפגענומען דעם אַנדערן זאָלס רב. אַז מען האָט דאָס דערציילט פאַר'ן חתם סופר זי"ע, האָט ער דערויף געזאָגט במתק שפתיו: "יאָ, וואָס תהלים קאָן, קאָן איך מינו".

* * *

## דער כח פון זאָגן תהלים

**אין א** שטאָט נישט ווייט פון מעזיבוזש, האָט געלעבט אַ איד אַ גרויסער תלמיד-חכם און גביר, איז אים געקומען אין באַטראַכט צו שרייבן אַ ספר-תורה, אָבער אויף גאָר אַ מהודר'דיגן אופן. אַזוינס וואָס נאָר ער אַלץ גביר קען באַווייזן, און ניצט קיין אַנדערע. ער האָט גענומען עטליכע קעלבלעך און גע'שחט'ן, די פלייש האָט ער צעטיילט פאַר אָרעמעלייט, און די פעל האָט ער אויסגעאַרבעט פאַר קלף, צו שרייבן דערויף די ספר-תורה. דאַן האָט ער געדונגען גאָר אַ חשוב'ן סופר מיט אַן אויסגעצייכנט שריפט. נפעס אַ יחיד בדורו. ער האָט אים געלאָזט ברענגען צו זיך אין שטוב. דער סופר זאָל עסן ביי זיין טיש מיט אַלע זיינע געברויכן. אויסער דעם האָט ער געגעבן פאַר שיין משפחה געהאַלט פון עטליכע רובל אַ וואָך, אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פונ'ם שרייבן.

**נאָך עטלעכע** יאָר איז די ספר-תורה פאַרענדיגט געוואָרן. דאַן האָט דער גביר אָנגעגרייט אַ גרויסע סעודה, אין האָט צוזאַמען גערופן די גאַנצע שטאָט, זיי זאָלן זיך קומען באַטייליגן אין זיין שמחה. ער האָט געפראַוועט אַ חינוך ספר תורה מיט גרויס פאַראַד, און דערנאָך בשעת די סעודה האָט ער געזאָגט אַ לאַנגע דרשה, און איז געוועזן גוט אויפגעלייגט ביז גאָר. ביים אָנהויב פון דער סעודה איז, אָבער, פאָרגעקומען אַן אומבאַ'טעמ'טע מעשה, וואָס איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן, און האָט גאָר נישט פאַרמינערט פון די גרויסע שמחה. וואָס האָט פאַסירט?

**צווישן** די פילע געלאַדענטע געסט איז אויך געקומען דער שטאָטישער וואַסער-טרעגער, וועלכער איז געוועזן אַ פשוט'ער איד, און אַן אָרעמאַן, אָבער ער פלעגט כסדר תהלים זאָגן, און מיט זיין תהלים זאָגן האָט ער מגין געוועזן אויף דער שטאָט.

**פאַר** דער סעודה האָט מען אויסגעטיילט חלות פאַר אַלע געסט, אויך

דער וואַסער-טרעגער האָט באַקומען אַ חלה. דער אָרעמער וואַסער-טרעגער איז נעבעך געווען זייער הונגעריג, און עס איז אים שווער געווען צו וואַרטן ביז דער עולם וועט זיך וואַשן, האָט ער צו זיך געטראַכט: איך וועל מיך שטילערהייט געבן אַ וואַש, קיינער וועט זיכער נישט באַמערקן, איך זיץ דאָך ממילא ביים עק טיש... און אַזוי האָט ער געטאָן.

**דער** גביר האָט אָבער יאָ באַמערקט אַז דער וואַסער-טרעגער האָט זיך געוואַשן און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער איז צוגעלאָפן צו אים און געזאָגט: "פאַרוואָס האָסטו זיך געוואַשן פאַר אַלע געסט? אפשר ווייל דו זאָגסט אַסאַך תהלים ביסטו דער חשוב'סטער מענטש דאָ?"

**ווען** דער וואַסער-טרעגער האט דאָס געהערט, האָט ער זיך זייער פאַרשעמט. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן פון אָרט און איז אַהיים געגאַנגען. די איבעריגע געסט האָבן נישט באַמערקט אַז דער וואַסער-טרעגער איז אַהיים געגאַנגען אַ פאַרשעמטער. זיי האָבן זיך געוואַשן צו דער סעודה און מיט געהאַלטן מיט די גרויסאַרטיגע שמחה, ווי קיין זאַך האָט נישט פּאַסירט.

**נאָך** דער סעודה, ווען אַלע געסט זענען שוין אַהיים געגאַנגען יעדער צו זיך אַהיים, האָט זיך דער עושר געזעצט לערנען זיין קביעות'דיגן שיעור, פונקט ווי יעדן טאָג. פלוצלונג איז אַריינגעקומען אַן אומבאַקאַנטער שליח, און האָט אַרויסגערופן דעם גביר. דער גביר האָט זיך אויפגעהויבן פון ספר, און איז אַרויס אין דרויסן. ווען ער איז אָנגעקומען אין דרויסן, איז געקומען אַ שטורעם ווינט וועלכע האָט אים אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן ווייט-ווייט אַוועק אין אַ מדבר. אין מדבר האָט זיך דער ווינט אָפגעשטעלט און דער גביר איז געבליבן שטיין איינער אַליין אין אַ שרעקליכן וויסטן מדבר. עס איז אים באַפאַלן אַ גרויס פחד און מורא. אין זיין קלעם האָט ער זיך אָנגעהויבן

מתבונן זיין בשל מי הרעה הזאת, צוליב וואָס איז אים געקומען דער דאָזיגער גרויסער עונש. זיכער צוליב דעם וואָס ער האָט היינט פאַרשעמט דעם אָרעמען וואַסער-טרעגער, און די עבירה פון פאַרשעמען אַ חבר איז זייער אַ האַרבע. ווי אונזערע חכמים זכרונם-לברכה זאָגט "המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא".

**דער** גביר האָט זיך אַביסל אַרומגעקוקט וואו ער איז, אומעטום איז פינסטער ביז גאָר חושך ואפילה. פלוצלונג זעט ער פונדערווייטנס אַ ליכטיגקייט אַרויסשפאַרן פון אַ הויז. "זיכער איז דאָס אַ נעסט פון גזלנים", טראַכט ער צו זיך. אָבער דאָך האָט אים געחשק'ט אַהין צו גיין, אפשר וועט ער יאָ געפינען גוטע מענטשן, וועלכע וועלן אים אַרויסהעלפן אין זיין צרה. ער שפירט אָבער, אַז ער קען נישט גיין. זיינע אַלע גלידער זענען ווי צעבראָכן אויף שטיקער. טראָץ דעם טוט ער זיך שטאַרקן, ער קריכט אויף די הענט און פיס ביז ער דערגרייכט יענע הויז, און בלייבט זיצן אינדערוויסן.

**פלוצלונג** הערט אַ קול אַרויסקומען פון הויז: "פנו מקום לדוד מלך ישראל!" - מאַכט פלאַץ פאַר דוד מלך ישראל. דערנאָך הערט ער אַ קול אויסרופן: "ברוך הבא דוד מלך ישראל!" - געבענטשט איז דער געקומענער, דוד מלך ישראל. אָט הערט ער ווידער אַ קול: "פני מקום לרבי ישראל בעל שם טוב!" - מאַכט פלאַץ פאַר רבי ישראל בעל שם טוב. דערנאָך הערט ער: "ברוך הבא ר' ישראל בעל שם טוב!" - געבענטשט איז דער געקומענער, רבי ישראל בעל שם טוב. ווייטער הערט ער דעם קול פון'ם בעל שם טוב ווי ער פרעגט: "פאַרוואָס זיצט דער איד דאָ אין דרויסן, פאַר וואָס האָט מען אים אַהער געברענגט?". האָט דוד המלך געענטפערט: "איך האָב אים גערופן צו אַ דין תורה! און איך וויל אַז רבי ישראל בעל שם טוב זאָל זיין דער סניגור פאַר דעם איד!"

**האָט** דוד המלך פאָרגעלייגט זיינע טענות: "איך האָב געבעטן און

געפּועל'ט ביים בורא כל העולמים אַז ווער עס וועט עוסק זיין אין זאָגן תהלים זאָל עס זיין גערעכנט ווי ער איז עוסק אין די משניות פון נגע'ים ואהלות, איצט איז געווען אַ וואַסער-טרעגער וואָס זאָגט אַסאַך תהלי'ם, און דער איד האָט אים פאַרשעמט, מיטן זאָגן אַזוי און אַזוי... - דעריבער וויל איך אַז עס זאָל אַרויסגעטראָגן ווערן אויף אים אַ פּסק דין! האָט דער זקן פון בית-דין גע'פסק'נט אַז עס קומט אים דערפאַר, ער זאָל שטאַרבן ביי זיך אינדערהיים בידי שמים!

**האָט** דער בעל שם טוב זיך אָנגערופן און געזאָגט פאַר'ן בית-דין: "עס איז נישט גוט אַזוי, ווייל קיינער וועט נאָך נישט וויסן דיגרויסקייט פון זאָגן תהלים, און וויג רויס עס איז דער עונש פאַו"ן פאַרשעמען איינעם וואָס זאָגט תהלים. דעריבער איז מיין עצר אַז ד'נר איד זאָל ווייטער בלייבן לעבן, נאָר ער זאָל מוזן איבערבעטן דעם וואַסער-טרעגער, און מאַכן אַ גרויסע סעודה לכבודו פון דעם וואַסער-טרעגער אַליין, למען ישמעו ויראו!"

**דער** שליח בית-דין איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, און ער האָט דערציילט דעם גביר די צוויי פּסקים וואָס איז געוואָרן פאָרגעלייגט פאַר'ן בית-דין של מעלה - ער זאָל זיך אויסקלייבן וועלכע פון די צוויי ער וויל. האָט דער גביר זיך אויסגעקליבן דעם פּסק פון דעם בעל שם טוב, ער זאָל בלייבן לעבן און איבערבעטן דעם וואַסער-טרעגער.

**דאָן** האָט דער בית-דין געפרעגט ביים בעל שם טוב: "דער גביר קען אייך? ער איז שוין געווען אַמאָל ביי אייך?". "ניין!" - האָט ד'נר בעל שם טוב געזאָגט. האָט בית-דין אָנגעהויבן דן זיין, וואָס טוט מען מיט אַזאַ איינעם, וואָס וואוינט אַזוי נאָענט צום בעל שם טוב און 'נר קען אים נישט. און דער בית-דין האָט באַשלאָסן, אַז ס'קומט אים מיתה בידי שמים (רחמנא ליצלן).

**האָט** דער בעל שם טוב זיך נאָכאַמאָל אָנגערופן אַזוי ווי פריער זון

געזאָגט: "אויב אַזוי, וועלן מענטשן נישט וויסן פאַרוואָס ער איז געשטאָרבן, אַז דאָס איז צוליב די דאָזיגע עבירה. דעריבער איז מיין עצה אַז מ'זאָל אים פרעגן צי ער איז מקבל פון היינט און ווייטער צו קומען צו מיר". דערשליח בית-דין איז אַרויסגעגאַנגען און געפרעגט דעם גביר, צי ער איז מסכים צום פסק פונ'ם בעל שם טוב, צו בלייבן לעבן, נאָר ער וועט מוזן זיך באַקענען מיט אים. אויך דאָסמאָל האָט ער אויסגעקליבן דעם פסק פון בעל שם טוב, און אַזוי האָט מען עס באַשטימט ביים בית-דין.

**דאַן** האָט מען אים געגעבן אַ קריגל וואַסער, ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און איז געקומען צו זיך. דאַן איז געקומען אַ וואָלקן, וואָס האָט אים אויפגעהויבן און געטראָגן צוריק אַהיים. אינדערהיים האָט ער דערציילט די שרעקליכע איבערלעבעניש וואָס ער האָט איצט אַדורכגעמאַכט, און וואָס ער האָט זיך געדאַרפט אויף זיך אָננעמען צוליב דער עבירה פון פאַרשעמען דעם וואַסער-טרעגער, און פאַר'ן נישט קענען דעם בעל שם טוב.

**אינדערפרי** האָט ער גערופן דעם וואַסער-טרעגער און זאָגט אים איבערגעבעטן מיט'ן גאַנצן האַרץ. ער האָט פאַר אים באַזונדער געמאַכט אַ גרויסע סעודה, צוזאַמען מיט די געסט וואָס ער האָט מיטגעברענגט, און ער האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשה. אין צוויי טעג אַרום האָט דער גביר זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגן און אַריבערגעפאָרן קיין מעזיבוזש צום הייליגן בעל שם טוב, אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען, האָט ער באַלד דערקענט די הייליגע צורה וואָס ער האָט דאָרט געזען. ער איז באַלד אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און גע'חלש'ט. ווען מ'האָט אים דערמינטערט, האָט ער געוואָלט דערציילן פאַר'ן בעל שם טוב, וואָס ער האָט דאָרט געזען, האט אים דער בעל שם טוב געזאָגט: "איך ווייס אַלעס!"

**פון דעמאָלטס** אָן איז דער גביר געוואָרן אַ גרויסער נאָהענטער

פונ'ם בעל שם טוב, און איז געוואָרן דאָרט אַ נאָנטער מקורב אויף זיין גאַנץ לעבן, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## הצדיק רבי יעקב קאפיל חסיד אמר כל יום תהלים כשהי' מלובש עם תכריכים ושוכב בקבר וזכה לבן קדוש שצדיקי הדור אמרו עליו שהוא משיח בן דוד

**רבי** יעקב קאפיל חסיד אבי השושלת קאסוב-ויז'ניץ הי' מתלמידיו של הבעש"ט הק' ואף הרבה להיות בעל תפילה בבית מדרשו של הבעש"ט, על גודל פרישותו וצדקתו מסופר, שבשעת פטירתו נתאספו החברא קדישא לביתו ודברו אודות התכריכים, נענתה הרבנית ואמרה: תכריכיו מזומנים כבר כמה שנים ואין צורך בתכריכים חדשים. שאלו אנשי הח"ק היכן הם, אמרה להם הרבנית רדו למרתף שם הם נמצאים.

**כשירדו** אנשי הח"ק מצאו את התכריכים כדבריה ולידם נראה להם בור ארוך בצורת קבר, כשעלו שוב לביתו שאלו את הרבנית מה הקבר שראינו במרתף, נתייפחה הרבנית סיפרה: מאז נשאתי לבעלי זוכרת אני שבכל יום ויום היה נוהג לרדת למרתף וללבוש את התכריכים ולשכב בקבר זה כשתי שעות, שם למד פרקי תהלים.

❖❖❖

## רבי מנחם מענדיל מקאסוב זי"ע משיח בן דוד

**רבי** מנחם מענדל מקאסוב היה בנו של ר' יעקב קאפיל חסיד הנ"ל, ומסופר שכשהתארח פעם אצל גיסו הצה"ק ר' אורי מסטרעליסק הסבו שניהם לסעודת ר"ח בצוותא עם עוד הרבה צדיקים, באמצע הסעודה הניח אחד הצדיקים את ידו על כתפו של הרה"צ רמ"מ, גער בו ר' אורי ואמר: הורד מהר את ידך מכתפו כי הוא משיח בן דוד.

## ע"י אמירת תהלים בשופי
## נולד הגה"ק העילוי מאסטראווצע זצ"ל

**הצה"ק** רבי מאיר יחיאל ז"ל העילוי מאסטראווצע (נולד תרי"א, נפטר י"ט אדר תרפ"ח), היה בנו של איש פשוט, ולא מגזע היחס, אבל הוא היה גאון וצדיק, יחיד ומיוחד בדורו, כמעט כל ימיו הי׳ה יושב בתענית, הוא היה צם ב"הפסקות" ומפורסם היה כאחד מגדולי האדמורי"ם בפולין, יותר מארבעים שנה היה צם, אביו ר' אברהם יצחק ז"ל, היה אופה, ובשעת לישתו ואפייתו היה אומר בדבקות ובה פרקי תהלים, ובעירו סאבין היו אומרים: שבשעת עבודתו היה לש ואפה את לחמו ועוגות בתהלים... משגדל הנער מאיר יחיאל, והתחיל ללמוד תורה, מיד נתגלה שכלו וחריפותו, ושמו יצא בכל הסביבה ל"עילוי".

**רבי** מאיר יחיאל נסמך להוראה מאת הגאון רבי יהושע'לי מקוטנע, ומעתיר עליו שבחים גדולים ואומר: כי מאושרת תהיה הקהילה שתזכה לקבל אותו כרב ומורה הוראה.

**דרך** אגב: - כאמור: נוהג היה להרבות בצומות ובתעניות. הוא היה צם יותר מארבעים שנה משבת לשבת, רק בלילות הי׳ה אוכל. לבסוף התחיל לצום גם ביום השבת.

**פעם** אחת קרא ליהודי אחד שהיה מזלזל בשבת בפרהסיה לעיני כל, והוכיחו הרבי על כך. ענה אותו יהודי: גם הרבי מחלל את השבת. נדהם הצדיק ושאל: הא כיצד? השיבו היהודי: הרבי מתענה בשבת, והרי זה זלזול בכבוד השבת. - צדקת בני - השיבו הרבי - אבל אינו דומה חילול שבת שלי לחילול שבת שלך: ממך ילמדו אחרים לעשות כמותך וממני לא ילמדו אחרים...

(תפילות דוד בן ישי)

❖ ❖ ❖

## תפילה מיט הייסע טרערן קען דורכברעכן אַלע טויערן

**אַ מורא'דיגע** מעשה וואָס איז געווען ביים הייליגן רמב"ם זצ"ל [רבינו משה בן מיימון זצ"ל] וואָס האָט נישט משיג געווען קיין טראָפּ תורה, אָבער ווי נאָר ער האָט מתפלל געווען מיט טרערן האָט ער אָנגעהויבן משיג צו זיין די תורה הקדושה. ווי ס'איז באַקאַנט זיין ביאָגראַפיע: זיין פאָטער, דער גרויסער גאון און מתמיד רבי מיימון ז"ל, האָט אין די יונגע יאָרן באַשלאָסן נישט חתונה צו האָבן, כדי דער עול פונעם שטוב, זאָל אים נישט שטערן, פון עוסק זיין אין די תורה הקדושה.

**איין** מאָל אין חלום, האָט ער דערהערט אַ רוף פון הימל וואָס האָט אים געהייסן, ער זאָל גיין קיין שפּאַניע, אין דער שטאָט קאָרדאָבע, ווייל עס איז אים באַשערט צו ווערן אַן איידעם ביים דאָרטיקן קצב, און אַז ער וועט אַזוי טאָן, וועלן זיי האָבן אַ זון אַ גרויסער תלמיד-חכם וועלכער וועט באַלייכטן די וועלט מיט זיין תורה. אינדערפרי האָט רבי מיין באַשלאָסן, אַז דער חלום איז אַ חלום פונקט ווי אַנדערע חלומות, און עס מיינט גאָרנישט.

**אָבער** דער חלום האָט זיך איבערגע'חזר'ט ווידער און ווידער, האָט רבי מיימון באַשלאָסן צו פאָרן קיין שפּאַניע, זיך פאַראינטערעסירן אין דעם קצב פון קאָרדאָבע. ווי ס'איז אָנגעקומען די ידיעה אין קאָרדאָבע, אַז דער גאון רבי מיימון קומט אָן, זענען אַלע אידישע איינוואוינער - בראש פון די פרנסים - אַרויס אים מקבל פנים זיין, מיט גרויס פאַראַד. ער איז פאַרבעטן געוואָרן ביים חשוב'טן פרנס אין שטוב, וואו מ'האָט אים געגעבן זיין פאַרדינטן כבוד. אינעם ערשטן שמועס מיט'ן פרנס פרעגט זיך רבי מיימון נאָך אויף דעם קצב. "נאָך וואָס זאָל זיך דער רבי אינטערעסירן אויפן קצב?" - רופט אויס דער פרנס. "ער איז דאָך אַן עני ואביון".

**רבי מיימון** האָט נישט באַקומען קיין ענטפער וועגן דעם קצב.

ביינאַכט האָט זיך רבי מיימון געחלומ׳ט, ער זאָל זיך נישט אומקוקן אויף די רייד פונעם פרנס, נאָר ער זאָל נעמען די טאָכטער פונעם קצב, און דעמאָלס וועלן זיי האָבן אַ זון אַן אויסערגעוויינלעכן תלמיד-חכם. ווי נאָר רבי מיימון האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער באַשלאָסן גאָרנישט רעדן, נאָר באַלד גיין זיך טרעפן מיטן קצב.

**רבי מיימון** האָט געשיקט רופן קצב, און יענער איז טאַקע באַלד געקומען. רבי מיימון האָט אים דערציילט, אַז זיין גאַנצע רייזע אַהער, האָט געמאַכט כדי אים צו טרעפן, ווייל ער וויל ווערן ביי אים אַן איידעם. "פאַרוואָס זאָל מיך דער רבי מצער זיין, מיט אַזעלכע דיבורים", האָט דער קצב אויסגערופן אַביסל באַליידיגט, נישט גלויבנדיק אַז רבי מיימון וויל באמת ווערן זיין איידעם. "נישט נאָר וואָס איך בין נישט ראוי צו זיין דעם רבינ׳ס שווער, נאָר איך בין אפילו נישט ראוי בלויז צו רעדן מיט אַזאַ גרויסן רבי׳ן", האָט דער קצב געזאָגט. "איך וויל חלילה נישט מצער זיין קיין מענטש" - ענטפערט אים רבי מיימון, "נאָר דערפאַר וואָס מ׳האָט מיר פיל מאָל געלאָזט וויסן אין חלום אַז אייער טאָכטער איז מיין באַשערטע, האָב איך באַשלאָסן, אייך פאָרצושלאָגן אָט דעם שידוך".

**ערשט** ווען דער קצב האָט געזען אַז רבי מיימון מיינט דאָס ערנסט, האָט ער דערצו מסכים געווען. און נאָכדעם וואָס דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן, האָט מען באַלד אויך צוגעאיילט זיי חתונה, אָבער ווי נאָר ס׳איז געבוירן געוואָרן ביי זיי דאָס ערשטע קינד, איז זיין פרוי נפטר געוואָרן. רבי מיימון האָט אַ נאָמען געגעבן דעם נאָר-וואָס געבוירן קינד "משה".

**רבי מיימון** האָט דערנאָך גענומען אַ צווייטע פרוי, און ס׳זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן עטלעכע קינדער, אָבער מיטן עלטסטן קינד, משה, האָט זיך דער פאָטער שטאַרק מצער געווען, ווייל ער האָט זיך אפילו אַביסל עברי נישט געקענט אויסלערנען.

**ווען** אונזער משה איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, און ער האָט אפילו נאָך נישט געקענט קיין עברי, האָט אים די גאַנצע משפחה גאָר שטאַרק פיינט באַקומען, און זיי האָבן אים אפילו גע׳רודפ׳ט און געפייניגט, ביז ער איז פאַר צער אַנטלאָפן פון דער היים, און איז אָנגעקומען אין אַ פרעמדע שטאָט וואו דער אבן מיגאַש ז״ל [רבי יוסף הלוי אבן מיגאַש, דער תלמיד און נאָכפאָלגער פונעם רי״ף] איז געווען דער רב, אָנקומענדיג אַ מידער און אויסגעמאַטערט פונעם וועג, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון בית-המדרש, און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, אויך ווען דער שמש האָט ביינאַכט פאַרשלאָסן דעם בית-המדרש האָט ער אים נישט באַמערקט, אַזוי איז ער אַליין געבליבן אין בית-המדרש.

**אין מיטן** דער נאַכט, האָט ער זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, און נאָר אַ דאַנק דעם "נר תמיד", וואָס האָט געברענט, האָט ער זיך דערמאַנט אַז ער איז אין אַ בית-המדרש. זיצנדיג אַליין אינעם בית-המדרש, האָט זיך אויסגעוויינט פאַר השם יתברך, אויף זיין ביטערן גורל, צו זיין אַן עם-הארץ, אַנדערש פון זיינע איבעריגע ברידער וועלכע זענען אַלע גרויסע תלמידי-חכמים.

**ווייענדיג** איז ער ווידער איינגעשלאָפן. אינדערפרי ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געפילט, אַז ער האָט מער שכל ווי פריער, אַזוי אַז ווען ער זאָל יעצט האָבן ווער ס׳זאָל מיט אים לערנען וועט ער געוויס קענען פאַרשטיין און אויפכאַפּן דאָס לערנען. ער איז צוגעגאַנגען צום שמש, און זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ יתום, וועלכער קען גאָרנישט, און וואָלט גערן געוואָלט דאַווענען און לערנען תורה.

**דער שמש** האָט אים צוגעפירט צום רב, דער אבן מיגאַש. דער רב האָט געדונגען פאַר אים אַ מלמד, וועלכער זאָל אים לערנען און צו זיין אייגענעם וואונדער, האָט ער שוין אינעם ערשטן

זמן נישט בלויז געקענט גוט עברי, נאָר אויך גמרא האָט ער שוין גוט געקענט. אויפן צווייטן זמן האָט שוין דער מלמד נישט געהאַט וואָס צו לערנען מיט אים, אַזוי אַז דער אבן מיגאַש האָט זיך אַליין גענומען לערנען מיט דעם יתום.

**צוזאַמען** מיט זיין שטייגן אין תורה, איז ער אויך געשטיגן אין אַנדערע חכמות, ווי חכמת הרפואה און אַנדער׳ע חכמות, אויך פיל שפּראַכן האָט ער געקענט, ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער פּערזענלעכקייט. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט, און געהאַט עטלעכע קינדער, און ער איז אויך געוואָרן אַ גרויסער עושר. ד׳עמאָלטס האָט ער באַשלאָסן אַהיים צו פאָרן און זיך פאָרשטעלן פאַר דער משפחה. ווי ער איז אָנגעקומען קיין קאָרדאָבע, האָט ער גלייך אָפּגערייזט צום ראש-הקהל - נישט דערציילט ווער ער איז - און אים געבעטן ער זאָל אים ערלויבן צו דרש׳נען אינעם בית-המדרש. דער ראש-הקהל האָט איינגעשטימט און באַשטימט אַ צייט.

**צו דער** באַשטימטער צייט, נאָך דעם ווי דער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אין בית-המדרש האָט ער געהאַלטן זיין וואונדערבאַרע דרשה, וועלכע האָט באַצויבערט אַלע תלמידי-חכמים פון שטאָט, אַריינגערעכנט זיין פאָטער און ברידער, וועלכע זענען אויך געווען דערביי, זיי האָבן אָבער נישט געוואוסט ווער דער בעל דרשן איז. ביים סוף פון דער דרשה האָט דער רמב״ם, פאַרטייטשט אַ פסוק, וואָס דער אינהאַלט דערפון איז געווען אַז עס קען מעגלעך זיין איינער וועלכער האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין אַ פסוק חומש אָדער עברי, און דאָך ווערט ער צום סוף אַ גרויסער תלמיד-חכם, כאָטש זיין זיידע איז געווען אַ פשוט׳ער קצב.

**ווי נאָר** ער האָט פאַרענדיגט דאָס אויסטייטשן, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַלס אייניקל פונעם ״קצב״, און דער זון פון רבי מיימון. ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן די שמחה וואָס איז דאָרט

פאַרגעקומען, וואָס דער פאָטער און די ברידער האָבן זיך מיט אים דערפרייט. זיי האָבן אים אַהיימגערופן און צוגעגרייט פאַר אים אַ סעודה, נאָך דעם ווי זיי האָבן אים נישט געזען אַזאַ לאַנגע צייט, א'ן ספּעציעל נאָך דעם ווי ער איז אַזוי גרויס געוואָרן אין תורה.

**זייענדיג** אין שפּאַניע, איז ער באַקאַנט געוואָרן אַלס גרויסער דאָקטער, ביז ער איז אויך געוואָרן דער לייב דאָקטער פונעם מלך. ער איז דאָרט אין שפּאַניע, אַזוי פאַר טאָן געווען אין ז'י רפואות, סיי ביים מלך און סיי דערפאַר וואָס מענטשן פלעג'ן באַלאַגערן זיין וואוינונג, ער זאָל זיי היילן, אַזוי אַז ס'איז אים פשוט נישט אויסגעקומען קיין צייט צו עסן און טרינקען. נאָר ביינאַכט ווע'ן ער איז פריי געוואָרן, האָט ער עפּעס געגעסן און דערנאָך עוסק געווע'ן אין תורה און געשריבן זיינע ספרים.

**אָבער ווי** דער סדר איז, ווען אַ איד ווערט גרויס, האָבן זיך געפונע'ן מלשינים, וועלכע האָבן אים באַרעדט פאַרן מלך, ביז ער האָט געדאַרפט אַנטלויפן קיין מצרים, וואו ער איז אויפגענומע'ן געוואָרן דורך די אידן מיטן גרעסטן כבוד, אָבער ווייל ער האָט נישט באַהערשט דעם מצריי'שן שפּראַך, איז ער אין די ערשטע צייטן נישט אויפגעכאַפּט געוואָרן דורכן דאָרטיגן מלך מיט זיינע שרים.

**ערשט נאָך** עטליכע יאָר וואָס ער איז דאָרט געווען, און ער האָט שוין אויך צוביסלעך אויפגעכאַפּט און געקענט דעם לשון המדינה, איז ער גאָר חשוב געוואָרן ביים מצריש'ן מלך, וועלכער האָט אים מער דערהויבן פון אַלע אַנדערע שרים. אָבער ווי מער זיין חשיבות איז געוואַקסן ביים מלך, איז גלייכצייטיג אויך געוואַקסן ד'י קנאה און שנאה פון די איבעריגע שרים אויף אים, אַזוי אַז זיי האָבן כסדר געטראַכט עצות ווי אַזוי ווי קענען אים אָפּרוימען פון וועג.

**אַמאָל** זיצנדיג ביים מלך אין איינעם מיטן רמב"ם, האָבן די שרים זי־ מפלפל געווען איבער פאַרשידענע חכמות הרפואות, און

האָבן דעמאָלטס געזאָגט פאַרן מלך, אַז אַ דאָקטער וועלכער קען נישט איינגעמען אַ סם המות און זיך אויסקורירן דערפון, איז נישט גענוג אַ גרויסער דאָקטער, ער זאָל זיין פּאַסיג צו באַדינען דעם מלך. גלייכצייטיג האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַזעלכע וועלכע קענען דאָס יאָ באַווייזן.

**נישט** האָבנדיג קיין ברירה, האָט דער רמב״ם באַשטעטיגט, אַז אויך ער איז אומשטאַנד דאָס צו באַווייזן. און באַלד אויפן אָרט איז באַשטימט געוואָרן אַ צייט ווען די איבעריגע דאָקטוירים זאָלן געבן פאַרן רמב״ם זייערס אַ געמאַכטער סם, און נאָך דעם ווי דער רמב״ם וועט זיך דערפון אויסהיילן, וועט ער פאַר זיי געבן זיינס אַ סם, פון וועלכן זיי זאָלן זיך דערנאָך אויסהיילן.

**נאָך דעם** ווי דער רמב״ם האָט איבער געגעבן די ביטערע בשורה פאַר זיינע תלמידים און די משפחה, האָט ער זיך באַלד גענומען צוזאַמענשטעלן פאַרשידענע רפואות, און פּונקטלעך אויפגעצייכנט פאַר די תלמידים, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך נוהג זיין ווערמיט, נאָך דעם ווי ער וועט איינגעמען דעם סם. צום באַשטימטן טאָג האָבן די תלמידים גוזר תענית געווען, און מתפלל געווען צו השם יתברך, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיי און אויף זייער רבי׳ן, אַז די רפואות זאָלן זיין ווירקזאַם, אַזוי אַז ס׳זאָל דערופן אַרויסקומען אַ געוואַלדיגער קידוש השם.

**נאָך דעם** איז דער רמב״ם - באַגלייט פון די חשובע תלמידים - געגאַנגען צום מלך, וואו ער האָט - אין געגנוואַרט פון די איבעריגע דאָקטוירים - איינגענומען דעם סם המות, און באַלד האָבן אים די תלמידים אַהיים געטראָגן, און אויסגעפאָלגט אַלע פאָרשריפטן פונעם רמב״ם. אויף דעם דריטן טאָג איז דער רמב״ם געקומען - צום וואונדער פון די איבעריגע דאָקטוירים - פאַרן מלך אויסגעהיילטערהייט. נו, - האָט זיך דער מלך געוואָנדן צו די איבעריגע

דאָקטוירים וועלכע האָבן אייגענטלעך פאָרגעשלאָגן דעם פלאַן פון אויספרובירן די דאָקטוירים מיט סם, יעצט דאַרפט איר איינעמען ז׳עם סם המות, וועלכן דער אידישער דאָקטער האָט געבראַכט. ווי נאָר זיי האָבן דאָס איינגעשלונגען זענען זיי איינער נאָכן אַנדערן געפאַלן טויטע.

**נאָך די** געשיכטע, איז זיין גרויסקייט איז נאָך מער באַוואוסט געוואָרן, דערמיט וואָס בלויז ער - פון צווישן אַזוי פיל דאָקטוירים - האט געקענט איבערלעבן דאָס איינעמען סם המות, איז ער נאָך פיל מער חשוב געוואָרן ביים מלך און זיינע שרים. און אָט דאָס איז דער ריכטיגער איבערטייטש פון ״ונותנת לו מלכות וממשלה״, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די הייליגע תורה, האָט ער גלייכצייטיג באַקומען ״מלכות וממשלה״, און ווי מער ער איז געשטיגן אין דער תורה, איז ער אין דער זעלבער צייט אויך געשטיגן אין ״מלכות וממשלה״.

❖ ❖ ❖